בס״ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת ויקרא תשפ״ה

**פון א׳ ניסן – ביז ז׳ ניסן**

**לעילו נשמת אבי הרה״ח רבי משה אפרים ב״ר ארי׳ ע״ה**

**ולעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה״ח משה יהודה ע״ה**

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער (646) 907-9119**

## זונטאג – א׳ ניסן

הגה"ק רבי שמואל ב"ר נתן נטע הלוי זי"ע, (קעלין), בעל מחצית השקל, מבאסקאוויטץ.

## מאנטאג – ב׳ ניסן

הרה"ק רבי שלום דובער ב"ר שמואל זי"ע, (שניאורסון), בעל הרש"ב, מליובאוויטש.

## דינסטאג – ג׳ ניסן

הרה"ק רבי בנימין זאב וואלף ב"ר יחיאל מיכל זי"ע, בעל דזין דאורייתא, מזבאריז.
"הנקרא רבי וועלוועלע זבארישער"

## מיטוואך – ד׳ ניסן

הרה"ק רבי יוחנן ב"ר מרדכי זי"ע, (טווערסקי), מראחמסטריווקא.

## דאנערשטאג – ה׳ ניסן

הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ב"ר שמואל זי"ע, בעל אוהב ישראל, מאפטא.

## פרייטאג – ו׳ ניסן

הרה"ק רבי אהרן ב"ר שמואל יעקב זי"ע, (ראטה), בעל שומרי אמונים, מירושלים.

## שבת קודש – ז׳ ניסן

הרה"ק רבי יצחק ב"ר יוסף זי"ע, המוכיח מדראהביטש.
"הנקרא ר׳ איציק׳ל דראהביטשער"

לזכות להצלחה

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר׳ משה אפרים ב"ר ארי׳ ע"ה.

לעילו נשמת אמי מרת שפרה יענטא בת הרה"ח משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג א׳ ניסן**

**הגה״ק רבי שמואל ב״ר נתן נטע הלוי זי״ע, (קעלין), בעל מחצית השקל, מבאסקאוויטץ,**

ער איז געבוירן אין שטאט קעלין אין די מדינה בוהמיה, בשנת תפ״ד,

צו זיין טאטן הגה״ק המפורסם רבי נתן נטע הלוי קעלין זי״ע,
פון די גזע פון הגה״ק רבי מנחם מענדל קראכמאל בעל צמח צדק מניקלושבורג זי״ע,

און צו זיין מאמע א אייניקל פון הגה״ק רבי גרשון אשכנזי בעל עבודת הגרשוני זי״ע,
און פון הגה״ק רבי יהודה ליווא המהר״ל מפראג זי״ע,
און פון הגה״ק רבי נתן נטע שפירא בעל מגלה עמוקות זי״ע,

ער איז געווען א גאון הגאונים בתורה וחסיד מופלג, ביי די 10 יאר האט ער שוין געשריבען חידושי תורה און ווען מען האט דאס געברענגט פארן רב פון קעלין איז ער ארויס פון התפעלות פון די גדלות פונעם יונגן גאון, זיין גאנץ לעבן האט ער מקדיש געווען פאר תורה, לא פסיק פומיה מגירסא, ער איז נישט געגאנגען קיין ד׳ אמות אן קיין תורה, ער האט געלערנט יומם ולילה ער איז כמעט נישט געשלאפן אין קיין בעט, און אויך זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א מורא׳דיגע התלהבות, ער האט מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש און זיך ממש אוועק געגעבן פאר זיינע תלמידים,

ער האט געלערנט אינעם ישיבה פון הגה״ק רבי אריה לייב בעל פרי גינוסר אב״ד בוסקוביץ זי״ע, וואס איז שפעטער געווארן זיין זיידע דורך׳ן ווערן א איידעם ביי זיין זוהן הגה״ק רבי משה זי״ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת עלקלא ע״ה,
בת הנגיד הגה״ק רבי משה בהרב זי״ע,
בן הגה״ק רבי אריה לייב בעל פרי גינוסר אב״ד בוסקוביץ זי״ע,
בן הגה״ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדקה אב״ד רויסטיין זי״ע,
בן הגה״ק רבי דוד בעל צמח לדוד מטרייביטש זי״ע,

קרוב צו 60 יאר האט ער מרביץ תורה געווען אונעם שטאט באסקאוויץ און דארט האט ער אויף געשטעלט זיין ישיבה ווי ער האט געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים, און פון דארט זענען ארויס געקומען גרויסע תלמידי חכמים און גדולי הדור ובתוכם,

הגה״ק רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרשבורג זי״ע,
הרה״ק רבי מאיר אברהם שטיין בעל פרי צדיק אב״ד טשאבע זי״ע,
הגה״ק רבי יחזקאל סג״ל הורוויץ בעל תורות יחזקאל זי״ע,
הגה״ק רבי חיים דייטשמאן זי״ע,
הגה״ק רבי סיני אב״ד מיקולאש זי״ע,
און זיינע דריי גרויס קינדער גאונים וגדולים בתורה הגה״ק רבי בנימין וואלף זי״ע, הגה״ק רבי יעקב זי״ע, און הגה״ק רבי יהודה זי״ע,

ביי די הספד וואס הגה״ק בעל החתם סופר זי״ע, האט געזאגט אויף זיין רבין די מחצית השקל זי״ע, האט ער געזאגט בזה״ל, ״והרי בעיניני ראינו רב האי גאון וצדיק הנ״ל זצ״ל, עם כל תקפו וגבורתו וחכמתו וחסידות ומאות מתלמידיו יושבים על כסא הוראה, ובלי ספק היה טעמו של הצדיק הזה שעי״ז הי׳ פנוי להרבות תלמידים לאלפים ורבבות וכו׳, והניח עול תיקון העולם לתלמידיו הרבים ששמשו כל צרכם כאשר עשה משה רבינו ע״ה, זקן וצדיק, יושב ודורש כמשה מפי הגבורה״,

אויך קען מען זען וואס הגה״ק רבי אלעזר לעוו בעל שמן רוקח מסאנטוב זי״ע שרייבט אויפן גאון וקדוש דער מחצית השקל זי״ע בזה״ל, ״והנה ידענו בהגאון מו״ה שמואל זצ״ל, שמעולם לא נהנה אפי׳ באצבע קטנה משום אדם, לא מנדבת יחיד ולא מנדבת צבור, כי לא רצה לקבל עליו שום עול הוראה״,

פונעם נאמען פון זיין ספר קען מען זעהן ווי ער האט פון זיך בכלל נישט געהאלטן, ווי ער האט געזאגט פארוואס ער האט געריפן דעם ספר מחצית השקל, קודם ווייל זיין נאמען איז מרומז ש׳מואל ק׳עלין ל׳ווי, אבער דעם אמת האט ער געזאגט האט ער דאס גערופען אזוי וזל״ק ״כי אם לא כוונתי אל מרכז האמת בכל דברי, מכל מקום במחציתו אמת תפסיה להאי גברא״.

זיין זוהן הגה״ק רבי בנימין וואלף זי״ע, האט פארציילט אז די טאטע פלעגט האבן א מנהג צו דאווענען פארן עמוד און דאס איז געווען כדי צו פועל׳ן ישועות פאר אידישע קינדער, נישט נאר פון ביי אים אין שטאט איז מען געקומען צום גאון פאר ישועות, נאר אפילו פון די שטעט ארום איז מען אויך געקומען מזכיר זיין פאר רפואות און ישועות, און אסאך אידן האבן ביי דעם גדול

בישראל געזעהן ישועות, מען האט געקענט זעהן ווי ער האט באמת געלאזט טרערן פאר צרות ישראל, מיט פילענדיג יענעמ'ס צער באמת.

אויך האט ער אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד, ספעציעל האט ער עוסק געווען פאר החתונה מאכן יתומים און יתומות און ארימע משפחות, אויך האט ער אסאך עוסק געווען בעניני חינוך אין זיין שטאט, ער האט אויף געשטעלט א קרן וואס האט געזארגט פאר די מלמדים פון שטאט, אז זיי זאלן ווערן באצאלט אין צייט און א סכום וואס זאל זיין א פרנסה בריוח פאר די מלמדים, אויך האט ער אויף געשטעלט א קרן פאר ביקור חולים וואס זאל זארגן פאר די קראנקע פון שטאט, ער פלעגט אפאר מאל א וואך אליין גיין מבקר חולה זיין די קראנקע פון שטאט און זיך פאר זיי פרעזענליך געזארגט.

אסאך גרויסע שטעט ובתוכם די קהלה קדושה אין פרעשבורג האבן זיך געבעטן ביי אים אז ער זאל קומען נעמען דאס רבנות, ער האט געזאגט אז אויב זיכט ער א פרנסה קען ער ווערן א שמש אין בית הכנסת אדער די וועקער פין שטאט.
איינמאל האט דער גאון וקדוש דער הייליגער מחצית השקל זי"ע געזאגט אויף זיך, אז צוליב וואס ער האט נישט געגנוג געלערנט קען ער נישט ווערן קיין רב, און נאך געזאגט די ווערטער פונעם שולחן ערוך, ביי תחנון ווען מען זאגט די ווערטער "ואנחנו לא נדע מה נעשה".

זאגט דארט די מגן אברהם בשם דעם של"ה הק' אז די ווערטער "ואנחנו לא נדע" זאגט מען זיצענדיג, און ביי די ווערטער "מה נעשה" שטעלט מען זיך אויף, האט ער געזאגט בדרך צחות מתוך ענוה, "שאם לא יודעים ולומדים מספיק "בישיבה", א"כ מה נעשה איז נישט דא קיין תקנה.

אויך זאגט מען אז דער הייליגער מחצית השקל פלעגט דאווענען ביחידות ווייל ער פלעגט מכוון זיין כוונות האריז"ל און עס פלעגט אים נעמען לענגער דאס דאווענען, און ער האט נישט געוואלט מען זאל אויף אים ווארטן, ער פלעגט נאר אריין קומען פאר ברכו און קדושה.

ער האט אנגעזאגט פאר די קינדער נישט צו נעמען קיין רבנות שטעלע, נאר ווען זיין זוהן הגה"ק רבי בנימין וואלף זי"ע האט פארלוירען זיין פרנסה, האט די טאטע געזעהן אז מן השמים וויל מען אז ער זאל אן נעמען רבנות, האט ער מסכים געווען אז די זוהן זאל ווערן א רב אין שטאט פרויסטיין.

מען פארציילט אז ווען דער הייליגער חתם סופר זי"ע איז געווען אין שידוכים האט מען אים מציע געווען א גאר פאסיגע שידוך, און די טאטע פונעם מדברת האט געוואלט אז דער חתם סופר זאל נאך די חתונה נעמען א נזר רבנות, און דער מחצית השקל זי"ע האט זייער געשטיפט פארן שידוך.

אבער ווען דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געהערט אז ער וועט מיזן נעמען א רבנות פאסטן, האט ער זיך אפגעזאגט פונעם שידוך, ווייל ער האט נישט געוואלט ווערן א רב, האט אים דער מחצית השקל געזאגט, איך האב מצליח געווען צו ניצל ווערן פונעם גזירות רבנות, אבער די וועסט נאך ווערן א רב.

יארן שפעטער ווען דער חתם סופר האט פארציילט די מעשה פאר די תלמידים, האט ער זיך אויסגעדריקט מיט זיין געוואלדיגע עניוות בזה"ל, "קוקט ווי גרויס א קללה פון א צדיק איז, אז עס איז ביי מיר מקיים געווארן יארן שפעטער".

ער האט מחבר געווען דעם הייליגען חיבור מחצית השקל וואס איז א פירוש אויפן מגן אברהם, און גדולי דורו האבן באוואונדערט זיין פירוש וואס האט מסביר געווען דעם מגן אברהם בטוב טעם ודעת.

הרה"ק מריזין זי"ע איז איינמאל דורך דעם ספרים שאנק און עס איז ארויס געפאלן א ספר, ווען ער האט אויפגעהויבען דעם ספר האט ער געזעהן אז דאס איז א מחצית השקל, האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז דער מחצית השקל איז געווען די נשמה פונעם מגן אברהם, און צוליב וואס ער האט אזוי מקצר געווען אונעם פירש פונעם מגן אברהם, איז ער צוריק אראפ געקומען צו מפרש זיין זיין אייגענעם חיבור.

דער הייליגער מחצית השקל האט יעדעס יאר תשעה באב געקויפט א נייע קינות און נאך ת"ב עס איבער געלאזט אין שוהל, ווייל אויב ער נעמט אהיים דעם קינות צו אוועקלייגן אויף די קומענדיגע יאר, זעהט עס אויס ווי ער איז זיך מייאש פון די גאולה.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,
הגה"ק רבי בנימין וואלף הלוי בעל סדר המשנה על הרמב"ם אב"ד פרויסטיין זי"ע,
הגה"ק רבי יעקב הלוי זי"ע,
הגה"ק רבי יהודה הלוי זי"ע,

ער פלעגט זייער משבח זיין זיינע קינדער און געזאגט "אויב וואלט איך געווען אזא למדן ווי רבי וואלף, און א מתמיד ווי רבי יעקב, און א חסיד ווי רבי יהודה, וואלט איך אויך געווען א אדם חשוב מאוד",

אין זיין צוואה האט ער געבעטן אז מען זאל נישט לייגען קיין שבחים אויפן מצבה, נאר זיין נאמען און די טאטע'ס נאמען און דעם יום ההסתלקות, און דעם נאמען פונעם ספר מחצית השקל.

נסתלק לגנזי מרומים א' ניסן ר"ח ניסן בשנת תקס"ו, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח אין שטאט בוסקוביץ.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## יארצייט
## מאנטאג ב׳ ניסן

### הרה״ק רבי שלום דובער ב״ר שמואל זי״ע, (שניאורסון), בעל הרש״ב, מליובאוויטש,

ער איז געבוירן אין שטאט ליובאוויטש, כ׳ חשון בשנת תרכ״א,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי שמואל מקופוסט האדמו״ר מהר״ש אדמו״ר הרביעי מליובאוויטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק אדמו״ר השלישי מליובאוויטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי שלום שכנא אלטשולר זי״ע, וחתן הרה״ק רבי דובער מליובאוויטש זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רבקה ע״ה,
בת הרה״ק רבי אהרן משאקלוב זי״ע,

ער האט געטראגען צוויי הייליגע נעמען נאך זיינע צוויי זיידעס הרה״ק רבי שלום שכנא זי״ע, און נאכן זיידן הרה״ק דובער האדמו״ר השני מליובאוויטש זי״ע,

ער איז געווען א גאון עצום בתורה ובחסידות, נאך זייענדיג גאר יונג האט מען שוין געזעהן זיינע כשרונות, און זיין געוואלדיגע שקדנות בתורה, ביי די 11 יאר האט ער שוין געקענט ששה סדרי משנה בעל פה, און ביי די 13 יאר איז ער געווען א בקי בחמשה חומשי תורה מיט פירוש רש״י בנביאים וכתובים, שו״ע או״ח, ש״ס ופוסקים, ער איז געווען מפורסם אלס א גאון וחריף עצום און א למדן נפלא בתורה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין זכרון נפלא, און אלס גאר קלוגער מענטש מיט א געוואלדיגע חכמה און פקחות, און ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט געהאט צו יעדן איד אפילו פשוטע עם האט דער צדיק מכבד און מקרב געווען,

ער האט געלערנט ביי זיין הייליגן טאטן האדמו״ר מהר״ש זי״ע, און אויך ביי זיין רבין הרה״ק רבי שלום מקאדין זי״ע,

ביי די 4 יאר האט די זיידע הרה״ק בעל צמח צדק זי״ע, מציע געווען פאר די עלטערן א שידוך פארן קינד שלום דובער, מיט די טאכטער פון הרה״ק רבי יוסף יצחק מאוורוטש זי״ע, י׳ סיון בשנת תרכ״ה האט מען געשריבען תנאים,

י״א אלול בשנת תרל״ה האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שטערנא שרה ע״ה,
בת הרה״ק רבי יוסף יצחק מאוורוטש זי״ע, חתן הרה״ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי״ע, בן הרה״ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי״ע,
בן הרה״ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מליובאוויטש זי״ע,

הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע האט כסדר גאר שטארק משבח געווען דאס גדלות בתורה און קדושה פון דעם צדיק רבי שלום דובער זי״ע, איינמאל האט ער זיך אויס געדריקט אויפן רבין בזה״ל, ״עס איז מיר א חידוש ווי אזוי איינער קען זיין אזוי גרויס און אזוי באהאלטן״,

י״ג תשרי בשנת תרמ״ג ווען די טאטע איז נסתלק געווארן, האט דער זון רבי שלום דובער נישט געוואלט מקבל זיין דאס רבנות, וויבאלד ער האט באמת נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, נאר ער האט געזאגט דברי תורה און חסידות צוזאמען מיט זיין ברידער הרה״ק רבי שניאור זלמן אהרן זי״ע,

תשרי בשנת תרנ״ד 10 יאר נאכן טאטן׳ס הסתלקות, האט דער צדיק בלית ברירה אנגענומען דאס רבנות אין חב״ד, און טויזענטער אידן האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש און זענען דאן געקומען צום צדיק מיט האלטן זיין עבודת הקודש,

ער האט מקדיש געווען זיין גאנץ לעבן פאר עבודת השם און להרמת קרן התורה והיהדות, ער האט אסאך געטון לטובת הכלל און געווען א מעורב בין הבריות,

בשנת תרנ״ז האט ער מייסד געווען זיין ישיבה מיטן נאמען ״תומכי תמימים״ אונעם שטאט ליובאוויטש, און די ישיבה איז געווען די יסוד פאר אנדערע ישיבות מיט דעם נאמען וואס ער האט אויף געשטעלט אין גאנץ אירופה און אויך אין אמעריקע,
און די ישיבות האט מען משלב געווען לימוד חסידות מיט תורת הנגלה, און די מטרה איז געווען צו אויפשטעלן א דור פון תלמידי חכמים און יראי השם וואס זאלן דינען דעם רבוש״ע,

ער האט פין זיין ישיבה ארויסגעגעבן גאר גרויסע תלמידי חכמים יראים ושלמים און גאר אסאך עסקנים עוסקים בצרכי ציבור וואס אסאך יארן נאך זיין פטירה האבן נאך זיינע תלמידים אויפגעטון פאר אידישקייט.

ער האט אסאך לוחם געווען קעגן די מפיצי השכלה כדי צו ראטעווען אידישע קינדער אז מען זאל נישט נשפע ווערן פון די וואס ווילען אראפ פירן דאס אידישע פאלק פון וועג,

בשנת תרס"ה איז פאר געקומען די אסיפה וועגן לימודי חול ביי אידישע חדרים, און דער הייליגער הרש"ב האט פארפירט, אז מען זאל זיך בשום אופן נישט לאזן לערנען די לימודי חול אין די ישבות, און געזאגט שטארקע דיבורים בזה"ל, "אז די אומות העולם דארפן וויסען אז אונז זעמיר טאקע אין גלות, אבער נאר די גופים פין אידישע קינדער זענען אין גלות, אבער נישט ח"ו די נשמות, און דער צדיק האט אויס גערופען, אז מען דארף האבן מסירת נפש און זיך נישט לאזן, אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו".

אויך האט ער אסאך געארבעט ביי די משפט פון מנחם מענדל ביילים וואס איז געווארן אנגעקלאגט מיט א בלוט בילבול, און דער צדיק האט אויפגעשטעלט א ספעציעלע וועד וואס זאל זיך מיט דעם אפגעבן, וואס האט זיך געצויגען יארן, אוןביים סוף טאקע בחסדי השם איז ער געווארן ריין געוואשן,

אויך איז דער הייליגער הרש"ב געווען פון די ראש הלוחמים קעגן ציונות, ער האט צו געהאלפן מען זאל ארויס געבן דעם ספר אור לישרים וואס האט ארויסגעברענגט די דעת תורה פון גדולי ישראל קעגן די ציונים, אויך האט ער ארויס געברענגט די שלש שבועות וואס שטייט אין מסכת כתובות אז די אידן טארן נישט נעמען די גאולה פאר די צייט און זיכער נישט קיין אייגענע מדינה און ווי די גמרא זאגט דארט די שארפע לשון, "אם אתם מקיימין את השבועה – מוטב, ואם לאו – אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה",

און דער הרש"ב האט געזאגט זייער שארפע דיבורים, "ואם חס וחלילה יעלה בידם להחזיק בארץ כמו שמדמים בנפשם, יטמאו וישקצו אותם בשיקוציהם ומעלליהם הרעים, ויאריכו בזה את אורך הגלות", גאנץ אנפאנג איז דער הרש"ב געווען פארן גרינדען די אגודות ישראל, אבער ווען ער האט געזעהן אז דאס ווערט א

חלק פון די ציונים האט ער זיך אפגעטיילט דערפון אינגאנצן.

מען זאגט נאך פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע אז ער האט געזאגט, אז בדור האחרון איז געווען גדולי הדור וואס בנוסף צו זייער גרויסקייט אין תורה זענען זיי געווען גאר גרויס אין עסקנות פאר כלל ישראל, און די צוויי זענען געווען,
הרה"ק רבי שלום דובער זי"ע,
און הגה"ק רבי מיכאל בער וויסמאנדל זי"ע,

ער האט איבער געלאזט איין קינד זיין בן יחיד הרה"ק רבי יוסף יצחק אדמו"ר הריי"צ זי"ע ווי מען האט אים גערופען דער פריערדיגער רבי, וואס איז געווען זיין ממלא מקום, און פאר די פטירה האט די טאטע געזאגט פאר זיין זוהן דער הריי"צ, "איך גיי אין הימל, און די כתבים לאז איך אייך",

א גרויס חלק פון זיין לעבן האט ער געליטן יסורים, אבער דאס האט אים נישט אפגעשוואכט אין זיין לערנען און דאווענען, אויך איז געבליבן א געוואלד מיט הייליגע דברי תרה און שיחות וואס די רבי האט געזאגט בימי חייו.

בשנת תרע"ו ווען עס האט אויס געבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, האט זיך דער צדיק דער מהרש"ב זי"ע אוועק געצויגען פון זיין שטאט, ער איז דאן געגאנגען וואוינען קיין רוסטוב על הדון, און דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות,

נסתלק לגנזי מרומים ב' ניסן בשנת תר"פ, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח אין שטאט רוסטוב.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

ביי איינע פון די פגישות פונעם רבין הרש"ב זי"ע מיט הגה"ק רבי חיים בריסקער זי"ע, האט רבי חיים געפרעגט דעם רבין א שאלה, פארוואס ביים מהרש"ב אין ישיבה אויב א בחור שערט זיך די בארד האט ער נישט קיין מקום ביי אים אין ישיבה, אבער ווען איינער רעדט לשון הרע קען ער בלייבן אין ישיבה, און נאך מער אז דער

הרש"ב רעדט קיינמאל נישט ביי זיינע דרשות וועגן לשון הרע,

האט דער הייליגער מהרש"ב זי"ע געענטפערט פאר רבי חיים בריסקער זי"ע, איך וועל דיר זאגן די סיבה, ווייל ווען א איד ווערט ח"ו נכשל מיטן רעדן לשון הרע, האט ער טאקע געטון א עבירה וואס איז אסור מדאורייתא, אבער זיין השקפה אין אידישקייט איז נישט נפגם געווארן ווייל דער איד ווייסט אז ער האט געטון די עבירה און ער ברויך תשובה טון,

אבער ווען א בחור שניידט זיך די בארד שפירט ער בכלל נישט אז ער האט געטון א טעות, און האלט אז מען מעג מיקל זיין אין די אלע פוסקים וואס זענען מחמיר אויף דעם, קומט אויס אז די עבירה גייט שוין אריין אין זיין השקפה, און דאס איז שוין א גאר גרויסע פראבלעם, און וועגן דעם וויל ער אזא בחור נישט האבן ביי זיך אין ישיבה,

איינמאל האט די רבי דער הייליגער הרש"ב זי"ע גערעדט מיט וואונדער פון די אנשים פשוטים און זייערע מעלות, איז געווען דארט א חסיד און ער האט געזאגט פארן רבין, אז ער זעהט נישט קיין שום גרויסקייט אין די אידן, דער חסיד האט געהאנדעלט מיט טייערע שטיינער, האט די רבי אים געבעטן ער זאל ארויס נעמען אפאר שטיינער און עס ווייזן פארן רבין,

ווי די רבי קוקט אויף די שטיינער זאגט ער פאר דעם חסיד, איך זעה נישט די חשיבות פון די שטיינער, האט דער חסיד געזאגט פארן רבין, אוודאי זעט נישט די רבי דאס חשיבות, מען דארף זיין א מבין אויף די שטיינער, האט די רבי געזאגט פאר דעם חסיד, די אלע פשוטע אידן זענען אויך פלאי פלאים, מען דארף נאר זיין א מבין דאס צו זעהן.

דער הייליגער מהרש"ב זי"ע איז געווען א געוואלדיגער לוחם קעגן ציונות און אגודת ישראל, מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז דער הייליגער מהרש"ב מיט זיין טיפן הייליגן שכל האט פיל שטערקער באנומען די טומאה עמוקה פון ציונות ווי אסאך אנדערע גרויסע מענטשן.

אין ספר שיח זקנים ווערט געברענגט פון הגה"צ אבד"ק פאיע זי"ע בשם הרה"ק מסאטמאר זי"ע, וואס האט געזאגט בזה הלשון, "עס זענען געווען צוויי צדיקים אין יענעם דור, איינער איז געווען דער ציעשנובער רב זי"ע, אים האב געקענט, ער איז געווען א לפיד אש, און דער צווייטער, אים האב איך נישט געקענט, איך האב אים זייער געוואלט קענען, ס'טוט מיר באנק אז כ'האב נישט געקענט דעם רש"ב, ער איז געווען אן אש להבה!".

ביי איינע פון די שיחות פונעם זוהן דער הייליגער מהריי"צ זי"ע שמחת תורה, האט ער פארציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד פון 4 יאר האט ער געפרעגט דעם טאטן, פארוואס א מענטש איז באשאפען געווארן מיט צוויי אויגן אבער נאר מיט איין מויל און איין נאז,

האט די טאטע אים געפרעגט אויב ער קען די אל"ף בי"ת, האט ער געזאגט אז יא, האט די טאטע געזאגט, אין די א"ב איז דא א שי"ו און א סי"ן און וואס איז די חילוק, נאר די שי"ן האט די נקודה אויף די רעכטע זייט און די סי"ן האט די נקודה אויף די לינקע זייט,

די זעלבע איז מיט די צוויי אויגען פון א איד, אויף ערליכע אידן דארף מען קוקען מיט די רעכטע אויג און זעהן נאר דאס גוטס, און אויף די עולם הגשמי דארף מען קוקען מיטן לינקען אויג, האט די זוהן געזאגט אז פון דאן איז אין אים נשרש געווארן די מדה צו זעהן נאר דאס גוטס ביי יעדן איד נישט קיין חילוק וואס דער איד טוט.

דערציילט מען אז ווען הייליגער רש"ב זי"ע איז געווען בערך 5 יאר אלט, און ער האט איינמאל געשפילט מיט זיין ברודער רבי שניאור זלמן אהרן זי"ע, וואס איז געווען מיט עטלעכע יאר עלטערער פון אים, האבן זיי געשפילט צווישן זיך "רבי מיט חסיד", רבי שניאור זלמן האט געשפילט רבי, און דער הייליגער רש"ב איז געווען א חסיד, דער ברודער 'דער רבי' האט זיך אוועק געזעצט אויף א שטול, און דער רש"ב 'דער חסיד' האט גענומען א קוויטל אין צו געגאנגען צום ברודער,

דער חסיד האט געזאגט, רבי, ווי קען איך פטור ווערן פון די מחשבות זרות בשעת'ן דאווענען, האט דער רבי האט אים געענטפערט, דארפסט לערנען חסידות יעדער פרי מארגן פארן דאווענען, גייען אין מקוה, דאווענען באריכות, זאגן גאנץ ספר תהילים יעדן טאג, פאסטן תעניתים יעדער מאנטיג און דאנערשטאג, מאכן תיקון חצות יעדער נאכט א.ד.ג..

דער הייליגער רש"ב האט פלוצלונג אויף געהערט שפילן און געזאגט צו זיין ברודער, ניין, עס פאסט דיר

נישט צו זיין א רבי, זיין ברודער האט זיך געוואונדערט, און פרעגט פינעם ברודער דעם רש״ב, פארוואס קען איך נישט זיין קיין רבי, איך האב דיר דען געגעבן א נישט גוטע תיקון,

האט דער הייליגער רש״ב אים געענטפערט, דיין תיקון איז געווען גאנץ גוט, נאר וואס דען, ווען א רבי פאדערט פון א איד א חסיד אזוי פיל זאכן, אז דער איד זאל איינגאנצן ענדערן זיין גאנץ לעבען און פאסטן יעדע מאנטאג און דאנערשטאג און אלע סיגופים, איז כאטש זאל דער רבי דערביי געבן א קרעכץ, אבער געבן פאר א איד די אלע תיקונים אן א קרעכטץ איז קיין רבי נישט,

פארציילט רבי מענדל פוטערפאס זי״ע, אז און איינע פון די ירידים האבן זיך צוזאמען געטראפן אפאר רייכע חסידים אויף איין פלאץ, און א יעדע איז געווען א חסיד פון א אנדערע רבי, און יעדער פון זיי האט גערעדט גדולות ונצורות פון זייערע רבי, און מ׳האט מחליט געווען אז א יעדער וועט פארציילט א מופת פון זיין רבי, וכך הוה, יעדער האט פארציילט אותות ומופתים פון זיין רבי,

צווישען די סוחרים איז געווען החסיד הנגיד רבי שמואל גוראריי ז״ל וואס איז געווען א חסיד נלהב פון הרה״ק רבי שלום בער פון ליובאוויטש זי״ע, און ווען ס׳איז געקומען זיין רייע, האט ער אזוי פארציילט,

אז מ׳האט מיך אנגעטראגען א גרויסע וואלד ביזנעס, אין דעם ביזנעס האט מען געדראפט משקיע זיין אסאך געלט, ס׳וואלט געדארפט זיין אסאך רווח אויב אלעם וואלט געקלאפט ווי ס׳דארף צו זיין, אבער מיטן קלענסטע פראבלעם וואס ס׳מאכט זיך, איז עס געווען זייער איינגעשטעלט, ווייל די גאנצע השקעה קען גיין לטמיון, פארשטייט זיך אז אלס דעם רבין׳ס א חסיד האב איך מיר קודם דורך געשמיעסט מיטן רבין, און ער האט מיר געהייסן מאכען די ביזנעס, ס׳גייט נישט דורך אפאר טעג, און די גאנצע השקעה איז געגאנגען לטמיון,

די צו הערעס האבען זיך געוואונדערט און געפרעגט, ווי איז די מופת, איר פארשטייט נישט האט זיי רבי שמואל געענטפערט, דא ליגט די אמת׳ע מופת פונעם רבי׳ן, אז אפילו זיין מופת איז נישט געלונגען, עם כל זה בין איך געבליבן די זעלבע חסיד פונעם רבי׳ן, און איך גלייב אונעם רבין די זעלבע ווי ביז יעצט, און אויב טראכט איר אז דאס איז מיין מופת, ניין און ניין, דאס איז נישט מיין אמונה, דאס איז די אמונה וואס די רבי האט איינגעפלאנצט און מיר, א ריינע אמונת צדיקים, אויך ווען מ׳זעהט נישט אז אלעס ווערט מקוים ווי די רבי זאגט.

איך בין זיכער אז די מעשה איז געווען לטובתי, וויבאלד די רבי האט מיר קלאר געזאגט משקיע זיין די געלט, און די רבי וועט מיר זיכער נישט זאגען עפעס וואס איז נישט לטובתי, ס׳איז מעגליך אז די רבי האט געזעהן עפעס א שלעכטע גזירה אויף מיר אדער מיין משפחה פון הימל, און די רבי האט ממתיק געווען די גזירה דורך דעם ביזנעס, וואס דארט האב איך דערלייגט אסאך געלט, אדער האט עס א אנדערע הסבר, אבער ס׳איז מיר זיכער אז די גאנצע מעשה פון אנהייב ביז צום סוף איז א מופת פונעם רבי׳ן,

ווי באקאנט איז אין רוסלאנד פאר הונדערט יאר צוריק גאר ביטער געווען דעם פראבלעם פון גיין אין מיליטער, ווען די חסידים פון הרה״ק הרש״ב מליובאוויטש זי״ע האבן באקומען אזא איינלאדונג זיך צו שטעלן צום מיליטער, זענען זיי געגאנגען בעטן א ברכה אז זיי זאלן נישט דארפן גיין צום מיליטער, וואס איז געווען סכנת נפשות פאר׳ן גוף און פאר די נשמה,

מ׳האט נישט געוואוסט צי מען וועט פון דארט אהיימקומען, און מ׳האט נישט געוואוסט אויב מ׳וועט זיך קענען האלטן ביי אידישקייט, ווי דאווענען, תפילין לייגן, עסן כשר׳ס, שמירת שבת קודש, אא׳וו, מען האט שוין געוואוסט ביי דעם רש״ב זענען געווען דריי ערליי ברכות,

א) אויב האט ער געוואונטשן, ״השי״ת זאל העלפן אז מ׳זאל דיך נישט אנקוקן״, האט מען געוואוסט אז מען וועט לייכט באפרייט ווערן,

ב) טאמער האט דער רש״ב געזאגט, ״השי״ת וועט דיר העלפן״, האט מען געוואוסט אז דאס מיינט אז מ׳וועט באפרייט ווערן, אבער נאך אסאך שוועריקייטן, אדער האט דאס געמיינט אז מ׳וועט ווערן צייטווייליג באפרייט,

ג) אבער דער וואס האט באקומען דעם דריטן נוסח, ״השי״ת זאל דיך היטן איבעראל וואו דו וועסט זיין״, דער האט פארשטאנען אז ער וועט זיך מוזן שטעלן צום מיליטער און דינען אין ארמיי.

א איד מיט׳ן נאמען ר׳ לייב ע״ה האט דערציילט, איך האב באקומען דעם דריטן נוסח, און איך האב פארשטאנען וואס עס ווארט אויף מיר, איך בין זיך

געגאנגען שטעלן צום מיליטער, און מען האט מיך טאקע גענומען אין די ארמיי, אבער איך בין געווען רואיג, אז איך האב כאטש די ברכה פון רבי'ן אז השי״ת וועט היטן אויף מיר,

ביי איינע פון די שלאכטן אין די ערשטע וועלט'ס קריג, האב איך זיך איבערצייגט אז די ברכה פון הייליגן רבי'ן שיצט אויף מיר, עס האט פאסירט דעמאלט ווען די רוסן האבן מלחמה געהאלטן מיט די דייטשן, בין איך געווען אין א גרופען מיט גויאישע זעלנער, איינמאל ביי 'הפסקה', ווען מ'האט זיך אביסל אפגערוהט, האבן זיך פאר די גוים פארגלוסט אביסל זיך אונטערצוהאלטן, און זיי האבן מיך גענומען און אויף געהויבן, און געווארפן פון איין גוי צום צווייטן, נו, וואס האב איך דען געקענט דעמאלט טוען,

עס האט גענומען אפאר לאנגע מינוטן, און איך האב געמיינט אז מיינע גלידער ווערן צענומען אויף שטיקער, אבער ב״ה זיי האבן זיך אפ געשטעלט, און איך האב זיך אראפגעלייגט אויף די ערד זיך אפצורוען, און אויך, ווייל איך האב געטראכט אז איך וועל ליגן אויף די ערד וועט מען מיך צורוה לאזן, די אנדערע גויאישע סאלדאטן האבן זיך צוריק געקערט צו זייער הויפט-קווארטיר, און איך בין געבליבן אן כח זיך צו דערכאפן,

נאך א שטיק צייט האב איך זיך געקערט אויף צוריק, איך זאל זיין צוזאמען מיט מיין גרופע, ווען איך בין דארט אנגעקומען זעה איך פאר מיינע אויגן א שרעקליכע בילד, די אלע סאלדאטן זענען געלעגן אויף די ערד אויסגעצויגן פגרים מתים, אן קיין סימני חיות, דאן בין איך געוואר געווארן וואס דא האט פאסירט, דאס איז געווען אן איינצעלנע פאל, ווען דאס דייטשע מיליטער האט גענוצט פארניכטונג גאז, צו פארגאזן דעם שונא'ס (רוסישען מיליטער), און ממילא זענען די רוסישע סאלדאטן אויס געגאנגען דורך די שעדליכע גאז,

איך בין געשטאנען ערשטוינט און געפלעפט צו זען דעם רבינ'ס רייד, "השי״ת זאל היטן אויף דיר איבעראל", ווייל איך בין געווען דער איינציגסטער לעבנס געבליבענער פון די גאנצע גרופע, און אזוי טראכטנדיג זעה איך ווי עס קומען צו לויפן מיליטערישע הילף וואס זענען צעטומלט, און רעדן צווישן זיך אז זיי האבן געהערט אז די דייטשן האבן זיך באנוצט מיט גאז, לאמיר זעהן צי עס איז נאך געבליבן וועמען צו ראטעווען, זיי האבן זיך זייער געפרייט צו טרעפן איינעם וואס האט איבער געלעבט פון די גאנצע גרופע, און איך האב באקומען אן אויסצייכונג מעדאל פאר איבערלעבן דעם גאז אויפרייס.

הגה״צ רבי יצחק שלמה אונגער זי״ע, דער רב פון חוג חתם סופר אין בני ברק האט דערציילט, עס האט מיר דערציילט הגה״צ רבי יעקב לאנדא זי״ע אב״ד בני ברק, וועלכער איז געווען אנוועזנד, ווען עס איז אמאל אריין א איד א נגיד צו הרה״ק הרש״ב מליובאוויטש זי״ע מיט א קוויטל וועגן זיין איינציגן זון וועלכער איז געווען שטארק קראנק רח״ל, און די דאקטוירים האבן אויף געגעבן אויף זיין לעבן,

און ער האט געבעטן פונ'ם רבי'ן אז ער זאל צוזאגן א רפואה שלימה פאר זיין באליבט קינד, האט אים דער הייליגער רש״ב זי״ע געזאגט, "איך קען נישט צו זאגן", ווען דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער פון זיין פארביטערטקייט זיך אנגערופן מיט א דרייסטקייט בזה״ל, "רבי אויב איר קענט נישט, האב איך נישט צו אייך קיין טענה, אויב אבער קענט איר יא, וואס איז מיט לא תעמוד על דם רעך",

האט הרב לאנדא מעיד געווען, כ'האב געזען דעם רבינ'ס פנים, ווי ער איז בלאס געווארן ווי קאלעך, און ער איז שטארק פארטראכט געווארן, נאכדעם האט ער געבעטן פונעם טאטן פונעם קינד אז ער זאל ארויסגיין פון שטוב, און ער האט אים געזאגט אז ער זאל ווארטן אינדרויסן ביז ער וועט אים רופן, נאך א שטיק צייט האט ער אים געלאזט רופן אז ער זאל אריין קומען, און דער רבי האט אים געזאגט, "בעזהשי״ת וועט דיין קינד האבן א גאנצע רפואה", און אזוי איז טאקע געווען.

א פראסטער חברה-מאן האט אמאל געזאגט פאר דעם הייליגען מהרש״ב זי״ע, אז ער האט פארשידענע קשיות וועגן מלאכים און נשמות, און וועגן עולם הבא וואס ער פארשטייט נישט, און ממילא גלייבט ער ר״ל נישט אינעם גרויסן באשעפער,

האט אים דער הייליגער מהרש״ב זי״ע געענטפערט, ווען עס פארן אין א וואגן צוויי חכמים, וואס זענען הויכגעלערנט און קינסטלער אין די חכמה פון שמעלצן גאלד און זילבער, רעדן זיי צווישן זיך מיט א שפראך וואס נאר הויך געבילדעטע מענטשן פארשטייען, עס פארט אבער אויך דארט דאס פערד און טראכט פון פאשע, עס זיצט דער בעל עגלה און טראכט פון ברוינפן,

זיי הייבן נישט אן צו פארשטיין דער שפראך פון די געלערנטע,

מאכט עס דען די חכמים, אויס חכמים, ניין אוודאי נישט, נאר די פערד און דער בעל עגלה קענען פשוט נישט מיטהאלטן עפעס וואס איז למעלה מהשגתם, דאס זעלבע איז מיט דיר זאגט דער הייליגער מהרש״ב זי״ע, דו ביסט א קליין מענטשל וואס האט ווייניג שכל, און ווייל דו פארשטייסט נישט איז גארנישט, אלע זאכן פון חז״ל וואס האבן אונז אנטפלעקט זענען אמת ויציב, און עס מאכט גארנישט אויס אז אן עם הארץ פארשטייט עס נישט.

ווערט דערציילט אז ווען דער הייליגער מהרש״ב זי״ע איז געווען בערך 4 יאר אלט, איז געקומען צום שטוב פון די מאמע א שניידער צו אויפנייען א נייעם קלייד פאר די מאמע, ווען ער האט געענדיגט אפ מעסטן דעם קלייד און זיך געגרייט צו פארלאזן, האט דער קליינער מהרש״ב געזען, אז דער שניידער האט איבער געלאזט א שטיק פון די סחורה ביי זיך אין טאש, ער האט ארויס גענומען דעם שטיקל סחורה און דאס געוויזן פאר די מאמע,

די שניידער האט זיך פון דעם גאר שטארק פארשעמט, און זיך פאר ענטפערט, אז ער האט בכלל נישט געטראכט פון ח״ו צו נעמען דעם שטיקל סחורה, נאר עס איז בטעות געבליבן אין טאש, ווען דער יונגער מהרש״ב האט דאס צו געזען, האט דאס אם זייער שטארק מצער געווען, אז ער האט דא ליידער גורם געווען צו פארשעמען א אידיש קינד, און דער קינד דער מהרש״ב האט זייער געוויינט אויף דעם,

שפעטער איז דער קינד אריין צו זיין הייליגען טאטן, און געבעטן דעם טאטן פאר א תיקון אויף הלבנות פנים פון א איד, אבער ווען דער טאטע האט אים געפרעגט די מעשה וואס איז פאר געקומען, האט דאס קינד בשום אופן נישט געוואלט דערציילן די מעשה פארן טאטן,

ווען די מאמע האט אים נאכדעם געפרעגט די סיבה פארוואס ער האט נישט געוואלט דערציילן פארן טאטן די מעשה, האט דאס קינד זייענדיג נאר 4 יאר אלט מסביר געווען, מאמע איך האב שוין עובר געווען אויף הלבנות פנים פון פארשעמען דעם שניידער, זאל איך יעצט אויך עובר זיין אויף רכילות און לשון הרע, דאס איז געווען זיין קדושה און יראת שמים שוין פון אלס גאר יונג קינד,

**יארצייט**
**דינסטאג ג׳ ניסן**

**הרה״ק רבי בנימין זאב וואלף ב״ר יחיאל מיכל זי״ע,**
**בעל רזין דאורייתא, מזבאריז,**
**״הנקרא רבי וועלוועלע זבארישער״**

ער איז געבוירן בערך בשנת תק״ל,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי יצחק מדרוהוביטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי יוסף מפיסטין הנקרא ר׳ יוסף איש האמת זי״ע,
בן הרה״ק רבי משה מזבריש זי״ע,
ולמעלה בקודש ביז הגה״ק רבי יצחק חיות בעל אפי רברבי זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת מרים ע״ה,
בת הגה״ק רבי מאיר פופריש זי״ע,

ווי עס איז מקובל ע״י מסורת המשפחה, זענען די עלטערן ביז 72 דורות אלע געווען בעלי רוח הקודש,

הרה״ק רבי בנימין זאב וואלף זי״ע איז געווען די דריטע זוהן פונעם הייליגען מגיד מזלוטשוב זי״ע, און געווען די דריטע ברידער פין די פינעף אחים הקדושים,
הרה״ק רבי יצחק בעל אור יצחק מראדוויל זי״ע,
הרה״ק רבי מרדכי מקרעמניין זי״ע,
הרה״ק רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז זי״ע,
הרה״ק רבי משה מזוועהיל זי״ע,
הרה״ק רבי יוסף מיאמפולה זי״ע,
און ווי דער טאטע האט געזאגט אויף די אחים הקדושים, חמשה ארזים נטיעות טובות אשר נטע והאירו בכל העולם, און דער טאטע דער הייליגער מגיד האט געזאגט, אז זיי זענען קעגן די חמשה חומשי תורה, און רבינו רבי בנימין זאב וואלף זי״ע איז געווען די דריטע זוהן וואס דאס איז קעגן סדר ויקרא, וואס רעדט פון קדשים וואס ברויכן זיין תמימים, האט דער טאטע געזאגט אז ער איז קודש הקדשים,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק הדור, ער איז געווען א גאון עולם בתורה וחסידות, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות און א בעל מופת נפלא, און א מפורסם בתמימות, הרה״ק בעל בני יששכר זי״ע האט געזאגט, אז צו האבן די תמימות פונעם צדיק פון מזבאריז זי״ע, ברויך מען האבן חכמת שלמה המלך, ער איז געווען א עניו מאוד און א שפל ברך, זיין אהבת ישראל איז געווען גאר גרויס אז אפילו רשעים האט ער דן געווען לכף זכות, ער האט יעדן איד געריפען ״צדיק״, ביים דאווענען האט ער זיך געווארפען פון פחד השי״ת, ער איז געווען א קדוש וטהור און פלעגט נישט רעדן קיין שיחות חולין.

ער איז געווען באוויסט צו זיין אינגאנצן אויסגעטון פון די וועלט און נאר געווען שקוע זיין גאנץ לעבן בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און דביקות, צדיקים און גדולים בתורה האבן מפליא געווען זיין עבודת השם און זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן,

ביז די בר מצוה איז דער צדיק געווען אזוי ווי אנדערע קינדער, אבער זיין טאטע זי״ע האט געוויסט אז דער זוהן האט א גאר הייליגע נשמה, האט די טאטע צו די בר מצוה געלאזט שרייבען די תפילין ביי א גאר חשובע סופר, און געבעטן אז די סופר זאל אים ברענגען די תפילין פאר ער לייגט אריין די פרשיות,

ווען די סופר האט גענדיגט שרייבען די פרשיות האט ער געברענגט די תפילין צום טאטן דער מגיד הקדוש מזלאטשוב זי״ע, האט דער טאטע אנגעהויבן מוראדיג צו וויינען און אנגעפילט ביידע תפילין מיט טרערן, דערנאך האט דער מגיד אויס געגאסן די טרערן און געגעבן די תפילין פארן סופר,

לפלא גלייך נאך די בר מצוה האט מען דעם קינד מער נישט דערקענט, ער איז געווארן א מתמיד עצום און מקדיש געווען יעדע מינוט פאר תורה ועבודה, ביז ער איז אויס געוואקסן צו איינע פון די צדיקי הדור, ער האט זיך מסתופף געווען ביי גאר אסאך צדיקים בדורו, וואס האבן אים זייער מחשב געווען ובתוכם,

הרה״ק רבי יעקב יצחק בעל החוזה מלובלין זי״ע,
הרה״ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי״ע,

ער האט אמאל געזאגט, אז אין דעם פריערדיגען גלגול איז ער געווען א צדיק, נאר בעפאר די הסתלקות האט ער א זאג געגעבן ״נא נישט שלעכט געווען״, און צוליב דעם איז ער נענש געווארן און געמוזט אראפ קומען

נאכאמאל אויף די וועלט צו פאריכטען דעם פגם, "הקב"ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה".

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הרה"ק רבי אשר צבי מפגריבין זי"ע,
בן הרה"ק רבי זאב וואלף משארגאד זי"ע,
וואס כידוע איז דער בעש"ט הק' זי"ע געפארן צום זיידן רבי זאב וואלף זי"ע צו מקיים זיין שימוש תלמידי חכמים, און האט געלערנט צוזאמען מיטן בעש"ט הקדוש זי"ע, און האבן ביידע צוזאמען זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא ז"ל,

אפאר יאר איז ער געווען סמוך על שולחן פונעם שווער און עוסק געווען אין תורה ועבודה און נישט געוויסט פון עולם הזה קיין כי הוא זה, ביז זיין שווער האט אים געזאגט אז עס איז צייט צו גיין עוסק זיין אין מסחר, ער האט אים געגעבן 25 רובל און געזאגט, אז ער זאל גיין צום יריד און איינקויפן עפעס צו מאכן פרנסה,

ער איז געגאנגען צום יריד און געטראפן דארט א מוכר ספרים, און דער צדיק רבי זאב וואלף זי"ע האט געזעהן א ספר וואס ער האט זייער געגליכן, און געפרעגט דעם סוחר וויפיל קאסט דאס, האט דער סוחר געפרעגט וויפיל געלט האסטו, האט ער בתמימות געזאגט 25 רובל, האט דער סוחר געזאגט, אז ער איז מסכים אים צו געבן דעם ספר פאר 25 רובל, און רבי זאב וואלף האט זיך זייער געפרייט,

ווען ער איז אהיים געקומען און געוויזן פארן שווער דעם ספר וואס ער האט איינגעקויפט, האט די שווער געמאכט א ויצעקו, אז דער סוחר האט אים אויסגענארט מיטן נעמען אזא טייערע פרייז פארן ספר, האט דער איידעם זיך געוואונדערט און געזאגט, וואס פארשטייט איר וויפיל די ספר איז ווערט, עס איז ווערט אסאך מער ווי 25 רובל, דאן האט דער שווער געזעהן אז דער איידעם באלאנגט בכלל נישט אינעם עולם המסחר, נאר איז שקוע יומם ולילה נאר אין תורה ועבודת השם,

כ"ה אלול בשנת תקמ"ו ווען זיין גרויסע טאטע זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער צדיק וקדוש אנגעהויבן פירן זיין רבנות אין שטאט זבאריז, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט פארמאגט, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק און געקומען נעמען ברכות פון דעם צדיק, און הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן מיט גרויסע ישועות מיט א ברכה פון דעם צדיק וקדוש,

גרויסע צדיקים בדורו האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק ובתוכם,

הרה"ק רבי מנחם מענדל האגער בעל אהבת שלום מקאסוב זי"ע,
הרה"ק רבי חיים האגער בעל תורת חיים מקאסוב זי"ע,
הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי מנחם מענדל מלינסק זי"ע,
הרה"ק רבי נפתלי צבי הורוויץ בעל זרע קודש מראפשיין זי"ע,
הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר מקאמארנא זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני ישׂשכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי דוד שלמה אייבשיץ בעל ערבי נחל זי"ע,
הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע,

ער האט מחבר געווען זיינע הייליגע ספרים,
ספר רזין דאורייתא,
ספר תפארת צבי זאב,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יחיאל מיכל זי"ע, וואס איז נפטר געווארן יונגערהייט,
הרה"ק רבי שלמה אליעזר זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי יצחק צבי מנחם אויערבאך מלעטשויב זי"ע, נכד התולדות יעקב יוסף זי"ע,
חתנו הרה"ק רבי זושא מלובלין זי"ע, בן הרה"ק רבי ישראל זי"ע, בן הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ג' ניסן בשנת תקפ"ב, ומנוחתו כבוד איז אן שטאט זבאריז,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה״ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע, פלעגט אסאך פארן אויף שבת זיך מסתופף זיין ביי זיין רבין הרה״ק רבי זאב וואלף מזבאריז זי״ע, און יעדעס מאל ער איז געקומען פלעגט ער איינשטיין ביים רבין אין שטוב און עסן ביים רבין די סעודות, איינמאל ווען ער איז דארט געווען אויף שבת ביי זיין רבין, איז געווען שבת קודש ביי שחרית און עס האט אים אנגעכאפט א שרעקליכע שוואכקייט און ער האט געוואלט עפעס טועם זיין, האט ער געטראכט אז ער וועט שוין ווארטן ביז מען ענדיגט דאווענען.

אבער גלייך נאכן דאווענען האט זיך די רבי הרה״ק רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע געשטעלט זאגן תהילים, האט דער עטרת צבי געטראכט ביי זיך, אז זיכער גלייך נאכן תהלים זאגן וועט שוין דער רבי קידוש מאכן, אבער ווען די רבי האט געענדיגט תהלים, האט ער גלייך אנגעהויבן נאכאמאל תהלים.

בלית ברירה איז הרה״ק בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע ארויס געלאפן אויף די גאס, און געזיכט א שטוב ווי ער קען קידוש מאכן און טועם זיין עפעס, אבער דער שטעטל זבאריז איז געווען א ארים שטאט און יעדער האט שוין געהאלטן נאך קידוש און שוין געהאט אפגעגעסן דאס ביסל עסן וואס זיי האבן פארמאגט, און ער האט נישט געקענט טרעפן ווי צו קידוש מאכן.

ביז ער איז אנגעקומען ביים עק שטאט ווי עס האט געוואוינט א איד וואס האט ליידער נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן געהאט אביסל וויין און געקנעטעטע קוגל, און מען האט אים דארט מכבד געווען און ער האט זיך דערכאפט דאס הארץ, און ער האט די מאן און ווייב געבענטשט מיט ברכות און געזאגט ״גבורות גבורות״.

נאכדעם איז ער שנעל צוריק געגאנגען צו זיין רבין און געווען זיכער אז די רבי האלט נאך אינמיטן זאגן תהלים, אבער ווען ער קומט אריין זעהט ער ווי די רבי האלט שוין אינמיטן די טיש, האט ער זיך געוואונדערט צו זיך ווי אזוי קען זיין אז די רבי האט אזוי שנעל געענדיגט די צווייטע מאל תהלים.

האט אים די צדיק מזבאריז זי״ע געזאגט, איך וועל דיר פארציילען וואס דא איז געווען, די שטוב וואס די ביסט געווען זענען ליידער נאכנישט געהאלפן געווארן מיט זש״ק, און זיי האבן געברויכט אנקומען צו דיר אז די זאלסט זיי בענטשן און ברענגען די ישועה, אבער איך האב דיר דאס נישט געקענט מגלה זיין, און דערפאר האט דער רבוש״ע געפירט, אז די זאלסט קומען אויף שבת און עס זאל דיר אנכאפן א שוואכקייט ביים דאווענען, כדי די זאלסט אנקומען צו דעם שטוב, און די זאלסט זיי בענטשן מיט א ברכה.

אבער נאכן דאווענען ווען איך האב געזען אז די ביסט נאכנישט געגאנגען, האב איך אנגעהויבן זאגן תהילים, און ווען איך האב געענדיגט תהילים האב איך געזען אז די ביסט נאכאלטץ נישט געגאנגען, האב איך געמיזט אנהייבן נאכאמאל תהילים, ביז די ביסט ארויס פון ביהמ״ד וואס דאן האב איך געקענט גיין עסן די סעודה, און דורך דעם וואס די ביסט געווען ביי די שטוב און געגעסן די קוגל און זיי געבענטשט, וועלן זיי בקרוב געהאלפן ווערן מיט א קינד.

אין די צייטן פון הרה״ק רבי זאב וואלף מזבאריז זי״ע, איז געווען א איד וואס האט ליידער אנגעמאכט אסאך צרות פאר אידישע קינדער, און די צדיקי הדור האבן זיך געוואלט צוזאמען נעמען און שואל עצה זיין ווי אזוי צו פטור ווערן פון דעם איד, זענען זיי געגאנגען צום רבין און זיך שואל עצה געווען, האט די רבי געזאגט, מיין טאטע די הייליגער מגיד מזלוטשוב זי״ע האט זיין גאנצע לעבן עוסק געווען בתיקון המידות, אבער איך בין געבליבן נאר מיט איין מידה, וואס דאס איז אהבת ישראל, און יעצט ווילט איר דאס אויך צו נעמען פון מיר.

איינמאל האב זיינע תלמידים זיך אפגערעדט פארן רבין, אז עס זענען דא אידן וואס פארברענגען יעדע נאכט און פלעצער ווי מען שפילט קארטן, האט די רבי מיט זיין גרויס אהבת ישראל געזאגט, איך בין זיכער אז אויך די אידן ווילען דינען דעם באשעפער, און דורך דעם וואס זיי גייען יעדע נאכט ביז שפעט צו די פלעצער, לערנען זיי זיך אויס צו קענען זיין אויף די גאנצע נאכט, כדי זיי זאלן קענען נאכדעם דינען דעם באשעפער אויך ביינאכט.

איינמאל ביי שלש סעודות איז דער צדיק רבי זאב וואלף מזבאריז זי״ע אריין אין א דבקות, און די חסידים זענען געזעצען שטיל כדי נישט צו שטערן דעם רבין, איז אריין געקומען א איד און זיך געזעצט צווישן עולם און געזעהן אויפן טיש רעטעך, האט ער דאס גענומען און אנגעהויבן

צו שניידען דעם רעטעך, וואס דאס האט געמאכט א גרידער,

דער עולם האט אנגעהויבען שרייען אויף דעם איד, אז ער זאל נישט מאכן קיין גרידער וואס דאס שטערט דעם רבין, גלייך האט זיך די רבי אויפגעכאפט פונעם דביקות און געזעהן וואס גייט פאר,

און האט גלייך געזאגט אז ער וויל עסן רעטעך, דער איד האט דאס גלייך געטראגען פארן רבין, און אזוי האט די רבי פארמיטן אז מען זאל דעם איד נישט פארשעמען.

ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי זאב וואלף מזבאריז זי"ע מקפיד געווען צו עסן פסח נאר מצה וואס איז געווען שמורה משעת קצירה און וואס ער אליין האט געבאקען, איז געווען איין פסח וואס די חסידים האבן געגעסן מיטן רבין, און איינע פון די געסט האבן געברענגט אנדערע מצות,

האבן די חסידים אים אנגעשריגען פארוואס ער ברענגט ארויף אויפן טיש ביים רבין די מצות, און דער איד האט זיך פארשעמט, גלייך האט זיך די רבי אויף געשטעלט און געזאגט פאר זיינע חסידים, פארוואס פארשעמט מען א איד, און ער האט געהייסן אז מען זאל אים ברענגען פון די מצות, און ער האט דאס געגעסן, אלעס נאר נישט צו פארשעמען א איד.

איין נאכט זענען אפאר אידן וואס האבן ליידער גע'גנב'ט, אריין געקומען צום רבין ר' זאב וואלף אין שטוב און גענומען כל מה שליבם חפץ, צווישן די זאכן וואס זיי האבן גענומען איז געווען א מעדעציין וואס איז געווען צוגעגרייט פאר אפאר קינדער פונעם צדיק וואס זענען דאן געווען נישט געזונט,

האט די רבי זיי נאך געשריגען, אז ער איז זיי מוחל במחילה גמורה אויף אלעם וואס זיי האבן גענומען, אבער זיי זאלן אכטונג געבן נישט צו טרינקען דערפון, ווייל זיי קענען ח"ו קראנק ווערן דערפון, ווייל ביים צדיק איז אהבת ישראל געווען גאר גרויס, און דאס איז געווען דאס איינציגסטע דאגה וואס ער האט דאן געהאט.

צדיקים האבן דערציילט ווי אזוי דער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט זוכה געווען אראפ צו ברענגען דעם הייליגען נשמה פון זיין זון הרה"ק רבי זאב וואלף מזבאריז זי"ע, עס איז געווען אין די צייט וואס דער טאטע דער מגיד איז

נאכנישט געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

איז געווען איין יאר ערב ראש השנה, און אינעם שטוב פונעם מגיד האט זיך נישט געפונען קיין פרוטה מיט וואס זיך צו גרייטן אויף צרכי יו"ט, דער מגיד זייענדיג א איש קדוש מאוד און נישט וועלענדיג נהנה זיין פו א מתנת בשר ודם, האט זיך געגרייט צו מקבל זיין דעם גרויסן יו"ט בתענית נאר כדי נישט נהנה זיין פון אנדערע,

ערב יו"ט בעפאר די זמן איז דער מגיד געגאנגען אין מקו' און זיך געגרייט צום הייליגען יו"ט ראש השנה, דער מגיד האט אפגעראכטן דעם ערשטן מעריב פונעם יאר מיט א השתפכות הנפש און מיט א געוואלדיגע דביקות דקדושה, אבער נאכן דאווענען וויסענדיג אז ביי אים אין שטוב איז נישט דא מיט וואס צו מקבל זיין דעם יו"ט, האט זיך דער מגיד געזעצט אין ביהמ"ד לערנען מסכת ראש השנה מיט א געוואלדיגע התמדה,

אבער נישט לאנג נאכדעם האט דער מגיד געהערט א בת קול וואס קומט ארויס פונעם ארון הקדוש און זאגט, אז ער זאל אהיים גיין צו זיך אין שטוב, קודם האט זיך דער מגיד נישט וויסענדיג געמאכט פונעם בת קול, ווייל חז"ל זאגן דאך "אין משגיחין בבת קול", אבער ווען דאס האט זיך איבער גע'חזר'ט, האט דער מגיד אפ געמאכט אהיים צו גיין,

ווען דער מגיד קומט אריין צו זיך אין שטוב, זעט ער ווי די טיש איז אנגעגרייט מיט לעכט און כל טוב לכבוד יו"ט, און די רעבעצין דערציילט, אז די שכנים ווען זיי האבן זיך דערוויסט אז אינעם שטוב פונעם מגיד איז נישט דא קיין צרכי יו"ט, האבן זיי זיך צוזאם גענומען און צווישן זיך געברענגט פארן מגיד אין שטוב אלע צרכי יו"ט,

פארשטייט זיך אז צו די שמחה פונעם מגיד איז נישט געווען קיין גרעניץ, ער האט זיך געזעצט צום סעודת יו"ט און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער פארן אים נישט פארלאזן בעת הצורך, און אז ער קען מקבל זיין דעם הייליגען יו"ט מיט א כבוד און שמחה,

נאכן סעודה האט דער הייליגער מגיד געזען אז דארט אין שטוב שטייט ר' צבי ז"ל וואס איז געווען דער משמש און חזן פונעם שטאט, וואס איז שוין מיט א שטיק צייט צוריק נפטר געווארן, און איז געווען באוויסט אלס א

איש פשוט מאוד און בכלל נישט ארויס געריפן קיין פורסם ביים לעבן,

און דער ר׳ צבי זאגט פארן מגיד, אז זיין נשמה וועט בקרוב אראפ קומען אויף די וועלט, און ער וועט ווערן געבוירן אלס קינד פונעם מגיד, דער מגיד האט זיך זייער געוואונדערט און געפרעגט, וואס איז די גדולה פון דעם נשמה אז מען שיקט אים אראפ צו מיר אין שטוב,

האט דער ר׳ צבי ז״ל געזאגט פארן מגיד, וויסן זאלסטו אז איך בין געווען פון די ל״ו צדיקים נסתרים שבדור, איך האב מיין גאנץ לעבן מדקדק געווען בקלה כבחמורה, אבער איך האב באוויזן צו באהאלטן מיינע מעשים פון די אויגן פון יעדן איינעם, אבער די רגע בעפאר מיין פטירה, האט זיך אין מיר אריין געכאפט א מחשבה פון גאווה, אז איך האב זוכה געווען צו דינען דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע קדושה און הסתרה, און איך האב א זאג געגעבן ״נא נישט שלעכט געווען״,

און ווי חז״ל זאגן דאך ״הקב״ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה״, דערפאר האט מען גוזר געווען אין הימל, אז איך וועל ברויכן אראפ קומען אויף די וועלט נאכאמאל, כדי צו פארעכטען דעם מחשבה פון גאווה וואס איך האב געהאט בשעת מיין פטירה, און איך האב אויס דערוועלט אראפ צו קומען אינעם שטוב פונעם מגיד מזלאטשוב, וואס איז מפורסם אלס א גאר הייליגע שטוב ווי מען פירט זיך מיט א געוואלדיגע קדושה,

און טאקע צום יאר איז געבוירן געווארן צום מגיד א זון, און דאס איז געווען דער צדיק וקדוש הרה״ק רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז זי״ע.

עס ווערט געברענגט בשם צדיקים הקודמים, אז ווען דער הייליגער צדיק וקדוש מזבאריז זי״ע איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל צום צדיק הרה״ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי״ע, האט זיך דער צדיק מרימנוב זייער געוואונדערט און געפרעגט, וואס האט דער זון פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי״ע צו קומען צו מיר זיך מסתופף זיין,

האט דער צדיק מזבאריז זי״ע געזאגט, אז ער האט געהערט אין הימל אז ער דער צדיק מרימנוב איז משיח, און דערפאר איז ער געקומען זיך מסתופף זיין און זיך מכניע זיין בצלו פון משיח, האט דער צדיק מרימנוב געזאגט בזה״ל, ״אני איני משיח, אבל בכל יהודי יש חלק ממשיח, ואני זכיתי להשלים את חלקי שלי״ והדברים עמוקים,

ווי באוויסט האט דער צדיק מזבאריז זי״ע געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל פאר יעדן איד וואס מען קען אפילו דאס נישט משיג זיין בשכל אנישי, ער האט יעדן איד מזרע ישראל נישט קיין חילוק ווי אזוי יענער איז געווען, געריפן ״צדיק״, און ער האט כסדר ממליץ טוב געווען אויף אידישע קינדער מיט דעם פסוק וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים,

ווערט דערציילט אז איינמאל זענען צוויי גדולים געקומען צום צדיק הרה״ק שר בית הזוהר רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי״ע, און זיך אפגערעדט, אז ביי זיי אין שטאט געפינט זיך ליידער א איד א מסור ומלשין וואס רודף׳ט ליידער אידישע קינדער מיט גרויסע מסירות, און די גדולים האבן געבעטן דעם צדיק מקאמארנא, אז ער זאל דעם איד ר״ל מעניש זיין און עוקר זיין פון די וועלט,

האט דער צדיק מקאמארנא זי״ע דערציילט פאר די גדולים, אז ביים צדיק רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע איז אויך איינמאל געווען א מעשה, אז עס האט זיך געטראפן א איד אין א שטאט א גרויסע מסור וואס האט ליידער אויס געטיילט גרויסע צרות פאר אידישע קינדער מיט מסירות, און עס זענען געקומען צוויי צדיקי הדור צום צדיק מזבאריז און געזאגט, אז זיי ווילן דעם איד ר״ל עוקר זיין פון די וועלט, אבער זיי ווילן קודם בעטן דעם הסכמה פונעם צדיק מזבאריז,

ווען זיי האבן דאס געזאגט פארן צדיק, האט דער צדיק מזבאריז געפרעגט, אויב דער איד פאסט יום הקדוש, האבן די צדיקים געזאגט אז יא דער איד פאסט יום הקדוש, האט דער צדיק פון זיין גרויס אהבת ישראל געזאגט, דאן קען איך צו דעם נישט מסכים זיין, האבן די צוויי צדיקים געזאגט פארן צדיק, די רבי זאל וויסן אז מיר ביידע זענען דאך די רוב צוויי קעגן איינס, און אויב אזוי וועט די רבי מיזן מסכים זיין צו אונז,

דאן האט דער הייליגער צדיק רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע אויף געהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל און געזאגט בזה״ל, ״רבונו של עולם, די ווייסט דעם אמת, אז מער ווי דאס וואסער וואס גייט אריין אין די צוויי קריגלעך וואס שטייען דא פאר רעגן וואסער, האב איך שוין פארגאסן טרערן פאר דיר רבוש״ע, אז עס זאל פון

מיין מויל נישט ארויסגיין ח״ו א שלעכט ווארט אויף קיין שום איד, און אוודאי נישט ח״ו שעלטן א אידיש קינד״,

ווען די צוויי צדיקים האבן געהערט די ריידט פונעם צדיק מזבאריז זי״ע, זענען זיי ביידע דערציטערט געווארן הערענדיג ווי דער צדיק בעט זיך ביים באשעפער אז ער זאל ח״ו נישט שעלטן א אידיש קינד, האבן די צוויי צוריק געצויגען און געזאגט פארן צדיק, אז זיי וועלן פויעלן אין הימל אז דער איד זאל רח״ל ווערן א עני ואביון, און אזוי ווי ער וועט דאך דארפן ארום גיין נאך געלט, וועט ער שוין נישט האבן קיין צייט צו זיין א מסור,

ביז דא האט דער הייליגער צדיק מקאמארנא זי״ע דערציילט פאר די צוויי גדולים, טאקע מיט די מעשה האט דער צדיק מקאמארנא אראפ געברענגט א עניות אויף דעם מסור, און ער האט שוין אויך מער נישט געקענט מסר׳ן קיין אידן, אבער פון די מעשה קען מען זען דעם גרויסן אהבת ישראל וואס דער צדיק מזבאריז האט געהאט פאר א יעדן איד אפילו א מסור ומלשין.

אין די צייטן פון הרה״ק רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע, איז געווען א איד וואס איז ל״ע געווען א מסור, א איד וואס איז ליידער געווען אן אבן נגף פאר זיינע ברידער מיט בייזע מסירות און מלשינות, און איבער אלעם האט ער אויסגעטיילט אסאך צרות פאר צדיקים פון זיין דור.

האבן זיך צוזאמען גענומען אפאר פון די צדיקי הדור, און מחליט געווען אז מ׳קען שוין מער נישט אויסהאלטן, און זיי האבן געוואלט דעם איד פארשעלטן ל״ע אז ער זאל גיין פון די וועלט, זיי האבן פארארבעט מעשים ביז מ׳האט פון הימל זיי מגלה געווען, אז פאר מען שעלט א איד, דארף מען האבן די הסכמה פונעם צדיק הדור, וואס דאס איז געווען דער הייליגער רבי ר׳ וועלוועלע פון זבאריז זי״ע,

די צדיקים זענען געפארן אויף שבת קודש צום צדיק אין זבאריז מיטן ציהל צו נעמען רשות צו פארשעלטן דעם פארדארבענעם מסור, דער צדיק האט אויסגעהערט די בקשה פון די צדיקים און ער האט זיי געהייסן ווארטן ביז איבער שב״ק, און דאן וועט ער זיי קענען געבן תשובה, פרייטאג צונאכטס האט דער הייליגער צדיק געזאגט ווי פאלגענד, דוד המע״ה זאגט אין תהלים כל סביביו יובילו שי למורא, אז די אומה״ע וועלן ברענגן א מתנה פארן מלך המשיח, דארף מען פארשטיין וואס דער מתנה וועט זיין,

דערציילט דער צדיק ווי אזוי עס וועט אויס זעהן ווען משיח צדקנו וועט קומען, א איד וועט שטיין אין געשעפט און אויספאלגן זיינע קונדן, אינמיטן וועט זיך הערן א רעש פון די גאס, עפעס טוט זיך אינדרויסן, דער געשעפטסמאן וועט בעטן פון איינע פון די ווארטנדע קונדן, גיי זיי מוחל ארויס און קוק זיך אום וואס ס׳גייט פאר דארט,

דער איד וועט ארויסגיין, ער וועט זעהן אז ס׳טוט זיך, מ׳לויפט אין אלע גאסן, וועט ער אפשטעלן א איד און פרעגן, זאגט נאר, וואס גייט דא פאר, וואו לויפט יעדער, וועט דער איד אים זאגן, וואס, איר האט נישט געהערט, אליהו הנביא איז געקומען מבשר זיין די בשורה אויף וואס מיר ווארטן שוין אזויפיל יאר, הנה זה עומד אחר כותלינו, משיח צדקינו קומט שוין, און אלע אידן לויפן אין די בתי מדרשים אריין צו כאפן תשובה צו טוען, מ׳דארף דאך קענען ארויפגיין קיין ירושלים מיט משיח׳ן אינאיינעם!,

דער שליח וועט פארגעסן פונעם געשעפט, פון די סחורה, און לויפן אין ביהמ״ד אריין, ארויס נעמען א תהלים, ובשירי דוד עבדיך אנהייבן תשובה טאן מיט א תשובה שלימה, צוריק אין געשעפט וועט מען ווארטן צו הערן וואס אינדרויסן גייט פאר, אבער דער שליח וועט נישט צוריק קומען, דער געשעפטסמאן וועט פארלירן זיין געדולד און ארויסשיקן א צווייטן, אפשר איז יענער פארהאנקערט געווארן אינעם גרויסן הו-הא און האט פארגעסן צוריק צו קומען,

דער צווייטער וועט ארויסגיין, און ענדיגן אין ביהמ״ד, און אזוי גייט דער דריטער און דער פערטער ביז דאס געשעפט וועט ווערן אינגאנצן ליידיג, דער סוחר וועט זעהן אז עפעס ערנסט האט פאסירט, וועט ער אויך ארויס לויפן, און וואו וועט ער אנקומען, אין ביהמ״ד!,

אלע אידן וועלן שוין זיין אין די בתי מדרשים, מ׳וועט תשובה טאן, וויינען און בעטן מחילה פון די שכינה הק׳, און פלוצלינג וועט זיך אראפלאזן א וואלקן, ס׳וועט אויפהייבן צען אידן און אנהייבן פארן, די איבער געבליבענע אידן וועלן אנהייבן וויינען און בעטן, פארוואס לאזט איר אונז איבער דא אין גלות, מיר ווילן אויך גיין צום מלך המשיח,

וועט מען די אידן ענטפערן, נאר די וואס האבן שוין אמת׳דיג תשובה געטאן קענען קומען, איר דארפט נאך

בעסער דאווענען!, די בכיות, די התעוררות און די געשרייען וועלן גיין עד לב השמים, דערנאך וועט קומען נאכאמאל א וואלקן, און דעמאלטס וועט שוין א גרעסערער ציבור מיט גיין, אזוי וועט קומען וואלקן נאך וואלקן ביז ״אלע״ אידן וועלן ארויפגיין קיין ירושלים שלום געבן פאר משיח צדקינו.

אינעם פוסטן גלות וועלן זיצן די שרי אומות העולם, זיי וועלן הערן די נייעס פון די אידישע וועלט און ס'וועט זיי פינסטער ווערן פאר די אויגן, משיח איז דא און ער וועט זיך נוקם זיין אויף אלע רשעות'ן פון אלע יארן קעגן אידישן פאלק, און זיי וועלן שנעל צוזאמען נעמען אלע גרויסע קנאקערס, אלע שרים און אלע הערן, און אנהייבן דן זיין וואס מ'קען טאן צו ראטעווען דעם מצב.

איינער וועט פארשלאגן, לאמיר שיקן עפעס א מתנה פאר משיח, מיר וועלן אנפולן וועגענער מיט אלע אונזערע גאלד און זילבער, אפשר מיט דעם וועט ער נתפייס ווערן צו אונז, וועט מען אנהייבן צו לאכן, 'משיח דארף דען אונזער גאלד, ער דארף דען אונזער זילבער, ער האט דאך אלעס, ער געוועלטיגט איבער די גאנצע וועלט!', א צווייטער וועט פארשלאגן, 'אפשר זוכן מיר אויף א איד וואס איז געבליבן דא אין גלות, און מיר וועלן אים נעמען און שיקן אלס מתנה פאר משיח', אהה, צו דעם וועט מען זיך צוכאפן, א איד האט א חשיבות.

זאגט דער צדיק מזבאריז זי״ע, די גוים וועלן זיך דרייען אויף די גאסן און זוכן א איד, אבער וועלכער איד וועט דען איבערבלייבן אין גלות, ווער וועט דען נישט תשובה טאן מיט א תשובה שלימה, נאר דער מסור ומושחת וועט זיך אויך דאן נישט ברעכן, ער וועט נישט תשובה טוען אויך ביים הערן דעם שופר של משיח.

די גוים וועלן אנכאפן דעם מסור, אים בינדן הענט און פיס, באצירן מיט גאלד און זילבער און אלע טייערע שטיינער, און אים פירן מיט א גאלדענע קארעטע קיין ירושלים צום מלך המשיח, דארט אין ירושלים וועט משיח צדקינו זיצן מיט אלע צדיקים, און אינמיטן וועט מען אריין קומען מעלדן אז די אומה״ע האבן געשיקט א מתנה פארן מלך המשיח, יעדער וועט זיך נעמען לאכן, משיח דארף זייער מתנה.

וועט מען ענטפערן, ניין, דאס איז נישט קיין פשוט'ע מתנה, דאס איז א איד וואס איז געבליבן אין גלות!, 'א איד'! – וועלן אלע ענטפערן, 'א איד האט שוין איינמאל א חשיבות, דאס איז טאקע א חשוב'ע מתנה'! און משיח צדקינו וועט מקבל זיין די מתנה, נאנט ברענגען צו זיך דעם איד און אים מחזיר בתשובה זיין, פירט אויס דער הייליגער צדיק מזבאריז זי״ע ״משיח'ס מתנה וויל איך נישט שעלטן״.

ווי באקאנט האט דער הייליגער צדיק וקדוש רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע געהאט א גבאי וואס האט געהייסן ״כלאוונע״, און ווען דער צדיק האט אים גענומען אלס גבאי האט ער אים אויס געלערנט וואס ער ברויך יעדן טאג טון ביי אים.

דאס גאנצע וואס דער צדיק האט געפאדערט פונעם גבאי איז געווען, אז ער זאל אים דערמאנען דעם גאנצן טאג וואס ער ברויך יעצט טון, יעצט ברויך מען גיין אין מקו', יעצט ברויך מען לייגן תפילין, יעצט ברויך מען זאגן הודו, יעצט ברוך שאמר, און אזוי ווייטער דעם גאנצן סדר היום.

איינע פון די עבודות וואס דער צדיק פלעגט יעדן טאג טון איז געווען, אז ער פלעגט מסדר זיין דעם טאביק פארן לולקע, וואס דאס איז געווען אן עבודת הקודש מיט גרויסע כוונות און יחודים, און ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש געטון יעדע ריר פון זיין לעבן נאר בלתי לשם לבדו און געווען דבוק אינעם באשעפער יעדע רגע פונעם טאג, און אויך דעם מסדר זיין דעם טאביק איז געווען גאר געהויבען, וואס אונז פשוטע מענטשן קענען נישט פארשטיין.

איין טאג ווען דער גבאי האט געגעבן פארן צדיק די טאביק צו מסדר זיין פאר די לולקע, איז אנגעקומען איינע פון די גרויסע ברודער'ס פונעם צדיק וואס ער האט שוין נישט געהאט געזען פאר איבער 20 יאר, דער ברודער האט געמיינט זיכער אז ער וועט ווערן אויף גענומען דורך'ן ברודער מיט גרויס שמחה, אבער צו זיין וואונדער האט אים דער ברודער בכלל נישט באמערקט, נאר ווייטער עוסק געווען אין די טאביק, דער ברודער האט געהאט פון דעם גרויס חלישות הדעת.

אבער ווען דער צדיק רבי בנימין זאב זי״ע האט געענדיגט מסדר זיין דעם טאביק, האט ער מקבל פנים געווען דעם ברודער מיט גרויס שמחה, און עס האט זיך פארפירט א תורה'דיגע שמועס צווישן די צוויי גרויסע צדיקים, ובתוך הדברים האט דער ברודער געפרעגט דעם צדיק מזבאריז, מעיקרא מאי כסבר, פארוואס ווען

איך בין אנגעקומען האט מיך די ברודער נישט מקבל פנים געווען, און יעצט איז מיך דער ברודער אזוי שיין מקבל פנים,

האט אים דער ברודער דער צדיק מזבאריז זי״ע מגלה געווען דעם סוד, לצורך מיין עבודת ד׳ האב איך געבעטן פונעם באשעפער און געארבעט אויף מיר, אז בשעת מעשה ווען איך טו סיי וואסערע זאך פון רצון ד׳, זאל איך נישט האבן קיין שום אנדערע מחשבה אויסער דעם אין וואס איך בין יעצט עוסק,

און דערפאר האב איך גענומען דעם גבאי׳ן כלאוונע, ווייל איך האב געברויכט האבן איינער וואס זאל מיר זאגן וואס איז דעם קומענדיגע זאך וואס איך ברויך טון,

און דערפאר ווען איך האב עוסק געווען אין דעם עבודת הקודש פון מסדר זיין דעם טאביק, האב איך באמת נישט אפילו באמערקט אז די בוסט אנגעקומען, ווייל דער צדיק איז באמת געווען דבוק מיט א געוואלדיגע דביקות אינעם באשעפער ממש יעדע רגע פון זיין לעבן.

ווערט געברענגט א מעשה וואס ברענגט ארויס דעם מידות האמת פון דעם צדיק וקדוש רבי בנימין זאב מזבאריז זי״ע, איינמאל איז דער צדיק וקדוש געווען אין שטוב פון הרה״ק רבי ישראל מריזין זי״ע, און מען האט מכבד געווען דעם צדיק מזבאריז מיט דעם מאכל איינגעמאכטס וואס איז געמאכט פון פירות מיט צוקער,

ווען דער צדיק האט געענדיגט דעם טעלער פון דעם מאכל, האט מען געפרעגט דעם צדיק אויב ער ברויך נאך, האט ער געזאגט אז יא, פארשטייט זיך מען האט אים מכבד געווען מיט נאך א טעלער, עס איז אבער געווען א גרויסע וואונדער פאר די מענטשן דארט, אז דער צדיק וואס איז דאך געווען א קדוש וטהור און ממש כמעט נישט נהנה געווען פון די וועלט, זאל בעטן נאך עסן,

אבער אינמיטן צווייטן טעלער האט דער צדיק געבעטן אז מען זאל אים ביטע נישט פרעגן נאכאמאל אויב ער ברויך נאך, ווייל ער וויל נישט ח״ו זאגן ליגענט אז ער ברויך נאך, נאר וויבאלד ביים ערשטן טעלער ווען מען האט אים געפרעגט אויב ער ברויך נאך, האט ער געוויסט אז קודם זיין גוף וויל נאך, און אויך אויב ער וועט זאגן אז ניין, וועט דאס זיין ווי א שטיקל גאווה מכמס בושה פון די אלע מענטשן וואס שטייען דארט ארום,

כאילו ער איז א קדוש וואס ברויך נישט נאך, וואס דאס איז דאך ליגענט,

נאר וויבאלד אזויפיל עסן איז דאך נישט געזונט פארן גוף, וויל ער מאכן זיכער אז מען פרעגט נישט נאכאמאל אויב ער ברויך נאך, דאס איז געווען דעם מידות האמת וואס דער צדיק האט פארמאגט אין זיך.

ווערט דערציילט אז איינמאל ווען דער תלמיד מובהק פונעם צדיק מזבאריז הרה״ק רבי מנחם מענדל מינסק זי״ע איז געפארן אויף א שבת צו זיין רבין, האט זיין זון הרה״ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי״ע וואס איז נאך געווען דאן א קינד, געבעטן פונעם טאטן אז ער וויל אויך מיט פארן צום רבין אויף שבת קודש, אבער דער טאטע האט זיך אפגעזאגט פון די בקשה, אבער דער קינד האט נישט נאך געלאזט און זיך איינגעבעטן, אז ער וויל יא מיט פארן צום רבין,

האט דער טאטע מגלה געווען פארן זון, אז די סיבה פארוואס ער וויל אים נישט מיט נעמען צום רבין איז, ווייל דער צדיק מזבאריז זי״ע האט געהאט א גאר אינטערסאנטע הנהגה ווי אזוי ער פלעגט זיך פירן, וואס פארשטייט זיך אז ער האט געהאט אין דעם גאר געהויבענע כוונות און יחודים, אבער פאר א פשוטע מענטש אדער א קינד האט די הנהגה געקענט אויס זען אביסל אינטערסאנט,

און דער טאטע האט זייער מורא געהאט פארן הקפדה פון זיין רבין, אויב דער קינד וועט ח״ו לאכן פון איינע פון די הנהגות, האט דער קינד נפתלי צבי צו געזאגט פארן טאטן, אז ער וועט זיך מיטן גאנצן כוח איינהאלטן פון לאכן, נאר אז דער טאטע זאל אים מיט נעמען מיט זיך,

שבת קודש ביים טיש האט דער צדיק מזבאריז זי״ע געפירט מיט א געוואלדיגע פשטות וואס אין דעם האט ער מסתר געווען גאר געהויבענע זאכן, ביים טיש ווען ער האט אנגעהויבן זינגען זמירות דעם ניגון כל מקדש, האט ער אנגעהויבן זאגן דעם ווארט ״כל״, און דאן געקוקט אויפן גבאי ווי צו פרעגן וואסערע ווארט קומט ווייטער, און דער גבאי האט געזאגט ״מקדש״ און דער צדיק האט נאך געזאגט, און אזוי איז צו געגאנגען דעם גאנצן זמר,

ווען דער קינד נפתלי צבי האט געזען דעם הנהגה, האט ער זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט אנגעהויבן לאכן, גלייך האט זיך דער צדיק רבי בנימין

זאב מזבאריז זי"ע אנגעריפן בזה"ל, "אז מען לאכט פון אונז, וועל מיר נישט זאגן". ווען דער טאטע דער צדיק מלינסק זי"ע האט געהערט די ווערטער פון זיין רבין, האט אים געכאפט א פחד און שרעק, ווער ווייסט אויב די הקפדה פונעם רבין וועט ח"ו יעצט שאטן פאר מיר און מיין קינד, און נאך די טיש האט דער טאטע געגעבן א פעטשל פארן קינד נפתלי צבי אויפן פנים זאגענדיג, ווער ווייסט וואס די הקפדה פונעם רבין וועט יעצט מזיק זיין,

אבער דער קינד נפתלי צבי וואס איז געווען שוין דאן מפורסם מיט זיין געוואלדיגע חכמה און קלוגשאפט, האט ער בארואיגט דעם טאטן און געזאגט, "טאטע וועסט זעהן, מ'וועט נאך פארדינען, און מ'וועט נאך ארויס גיין פון דא מיט רווח",

מוצאי שבת קודש ווען דער טאטע הרה"ק מלינסק זי"ע איז אריין מיט זיין קינד זיך געזעגענען מיט א קוויטל פון זיין גרויסן רבין, האט ער נאך געהאט א פחד וועגן דעם הקפדה פון זיין רבין אויף דעם וואס זיין קינד האט געלאכט שבת ביים טיש,

אבער דאן האט זיך דער צדיק וקדוש רבי בנימין זאב מזבאריז זי"ע געקערט צום קינד און זאגט אים, "איך ברויך דיך בעטן מחילה אויף דעם פעטשל וואס די האסט באקומען שבת קודש פונעם טאטן צוליב מיר", האט דער קינד נפתלי צבי מיט זיין קלוקשאפט געזאגט פארן צדיק, איך בין מסכים צו מוחל זיין פארן רבין, אבער נאר בתנאי אז די רבי וועט מיך בענטשן, האט דער צדיק געבענטשט דעם קינד מיט א ברכה,

אבער דער קינד איז נישט געווען צופרידען, נאר ער האט געבעטן דעם רבין, אז ער זאל ארויף לייגן זיינע הייליגע הענט אויף זיין קאפ, און אזוי זאל ער אים בענטשן, אבער דער צדיק האט געזאגט פארן קינד, אז זיין דרך איז נישט אזוי צו בענטשן, און אז ער האט נאך קיינמאל קיינעם נישט געבענטשט אזוי, האט דער קינד געזאגט, אויב די רבי איז נישט מסכים צו בענטשן אויפן קאפ, דאן וועל איך נישט מוחל זיין,

האט דער צדיק וקדוש בלית ברירה ארויף געלייגט ידיו הקדושות אויפן קאפ פונעם קינד, און האט אים געבענטשט מיט א ווארעמע ברכה, אויפן וועג ארויס האט דער קינד נפתלי צבי געזאגט פארן טאטן, "טאטע זעסט אונז זעמיר ארויס געגאנגען מיט רווח פון דא", האט דער טאטע זיך אנגעריפן צום זון, "בני, אם חכם לבך, ישמח לבי גם אני",

ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש רבי בנימין זאב מזבאריז זי"ע זייער אבאכט געגעבן אויף צער בעלי חיים, אסאך מעשיות ווערט דערציילט ווי מען זעט אז דער צדיק האט מורא געהאט פון צער בעלי חיים, ווי למשל ווען ער איז געפארן מיט א פערד און וואגן, האט ער זיך אייביג אויס גענומען מיטן בעל עגלה, אז ער וועט בשום אופן נישט שמייסן די פערד אז זיי זאלן פארן שנעלער,

איין שבת קודש זענען די חסידים געזעצן ביים טיש און געווארט אז דער צדיק זאל אריין קומען צום טיש, אבער עס גייט דורך א שעה נאך א שעה און דער צדיק קומט נישט אריין, זענען די מקורבים אריין אין שטוב פונעם צדיק צו זען וואס עס גייט דארט פאר, האבן זיי געזען ווי דער צדיק זיצט אויפן פלאץ און קוקט אויפן אויווען,

וואס ווי באקאנט האט מען יענע צייט געהאלטן ווארעם דאס עסן פון שבת אינעם אויווען, און אזוי קוקענדיג זענען די מקורבים ווי א קאץ שלאפט אויפן אויווען, האבן זיי שוין פארשטאנען פארוואס די רבי איז נאכנישט אריין געקומען צום טיש,

ווייל דער צדיק האט געוויסט אז אזוי ווי מען הייבט אן דעם טיש, וועט מען ברויכן אריין ברענגען דאס עסן וואס ליגט אינעם אויווען, און דאן וועט מען אויפוועקן דעם קעצל, און צוליב צער בעלי חיים האט דער צדיק מסכים געווען צו פארציען דאס אריין קומען צום שולחן הטהור, נאר כדי נישט צו מצער זיין א בעל חי.

איינמאל איז א איד געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש רבי בנימין זאב מזבאריז זי"ע אז ער איז נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיין זש"ק און ער האט געבעטן פונעם רבין א ברכה, האט אים דער צדיק געבעטן, אז ער זאל אים געבן דריי רובל אלס פדיון, און אנגעזאגט פארן איד, אז במשך דעם גאנצן יאר זאל ער מקפיד זיין צו האבן א גאסט ביי יעדע סעודה וואס ער עסט, און ער זאל יעדן גאסט בעטן א ברכה פאר זש"ק,

דער איד האט אהין געגעבן די דריי רובל פארן רבין, און איבער דעם גאנצן יאר האט ער געטון וואס דער צדיק האט אים געהייסן, ער האט ביי יעדע סעודה געמאכט זיכער צו האבן א גאסט, און יעדן געבעטן פאר א ברכה

פאר זש"ק, צום יאר איז ביי דעם איד געבוירען געווארן א בן זכר,

מיט גרויס שמחה איז דער איד געקומען דערציילן די גוטע בשורה פארן צדיק, האט אים דער צדיק צו געפירט צום ארון הקודש און ווייזט אים די דריי מטבעות וואס ער האט אים געגעבן א יאר צוריק, אז ער האט נאכנישט אפילו געניצט די מטבעות, און זאגט פאר דעם איד,

ווען די בוסט פאר א יאר צוריק געקומען צו מיר פאר א ברכה, האב איך מרגיש געווען אז איך קען דיר באמת נישט העלפן, און דערפאר האב איך דיר געהייסן אז די זאלסט ביי יעדע סעודה האבן א גאסט ביי דיר אין שטוב, און דער גאסט זאל דיר געבן א ברכה פאר זש"ק, ווייל איך האב געהאפט אז צווישן די אלע געסט וועט זיין איין מענטש וואס וועט זיין ראוי צו געבן א ריכטיגע ברכה וואס וועט ברענגען די ישועה,

און וועגן דעם יעצט ווען איך זעה אז די בוסט געהאלפן געווארן, ווייס איך אז מיין עצה האט געארבעט, קען איך שוין נעמען די דריי רובל, ווייל אויב וואלט די עצה נישט געהאלפן, איז די דריי רובל ביי מיר ווי גזל, דאס איז געווען דעם ערליכקייט און קדושה פון דעם צדיק וקדוש,

ווי באוויסט האט ביי דעם שטוב פונעם צדיק געהערשט א גרויסע דחקות, די רעבעצין פלעגט צינדען ליכט אין א האלצענע לייכטער, איינמאל איז דער ברודער הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע וואס האט געפירט א רבנות מיט א דרך המלכות מיט שיינע זילבערנע כלים ביי זיך אין שטוב, געווען אין שטוב פונעם ברודער מזבאריז זי"ע, און ער פרעגט דעם ברודער, היתכן די האסט נישט קיין שיינע זילבערנע לייכטער, האט דער ברודער צוריק געפרעגט, און די האסט יא א זילבערנע לייכטער,

האט דער ברודער געזאגט אז יא ער האט שיינע זילבערנע לייכטער אויף שבת קודש, האט דער ברודער געפרעגט מיט א תמימות, פון ווי האסטו געקענט קויפן די שיינע לייכטער, האט דער ברודער מראדוויל געזאגט, איך פאר ארום פון שטעטל צו שטעטל, און מיט די פדיונות וואס איך באקום, האב איך געקויפט די שיינע לייכטער,

האט דער צדיק וקדוש מזבאריז זי"ע געזאגט פארן ברודער בזה"ל, "איך קען באשטיין אז די לייכטער זאלן ארום פארן אין די מדינה, און איך זאל בלייבן אין שטוב, ווי איידער איך זאל ארום פארן פון מדינה צו מדינה, און די לייכטער זאלן בלייבן אין שטוב",

אן אנדערע מאל איז דער ברודער מראדוויל זי"ע געווען אין שטוב פונעם ברודער מזבאריז זי"ע, איז דארט אויפן טיש געלעגן דעם טאביק פישקע פונעם ברודער וואס איז געווען געמאכט פון פשוטע האלץ, דער ברודער מראדוויל האט גענומען דעם טאביק פושקע און דאס באטראכט, גלייך האט דער צדיק מזבאריז זי"ע געזאגט פארן ברודער בזה"ל, "טייערע ברודער איך גיב אייך דאס אוועק במתנה גמורה, כדי די זאלסט נישט נכשל ווערן חלילה מיט לא תחמוד",

פארשטייט זיך אז דער ברודער האט זיך צושמייכלט, ברויך ער דען דעם האלצערנע טאביק פושקע, ווען ער האט ביי זיך אין שטוב געהאט שיינע זילבערנע טאביק פושקעלעך, אבער דער צדיק מזבאריז האט באמת נישט פארשטאנען אז מען ברויך האבן א שיינע טאביק פושקע, און ער האט באמת געגלייבט אז דער ברודער איז אים מקנא מיטן טאביק פושקע, און כדי דער ברודער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן, איז ער געווען גרייט אוועק צו געבן זיין טאביק פושקע,

**יארצייט**
**מיטוואך ד׳ ניסן**

**הרה״ק רבי יוחנן ב״ר מרדכי זי״ע, (טווערסקי), מראחמסטריווקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט טשערנאביל, בשנת תקע״ו,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי מרדכי המגיד מטשרנוביל זי״ע, בן הרה״ק רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשרנוביל זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת פייגא ע״ה, בת רה״ק רבי דוד לייקס זי״ע, פון די גרויסע תלמידים פונעם בעש״ט הקדוש זי״ע,

דער צדיק איז געווען די יונגסטע ברידער פון די אחים הקדושים, קינדער פונעם הייליגען מגיד מטשרנוביל זי״ע, און ווי דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע האט געזאגט אויף די אכט הייליגע קינדער קדושים וטהורים, אז זיי זענען די קני מנורה וואס האבן באלאכטן מיט זייער קדושה און תורה גאנץ רוסלאנד, דער טאטע האט געזאגט אז די זיבן קינדער זענען די שבעה קני מנורה, און דער זון אהרן איז דער כהן המדליק את שבעה הנרות,
הרה״ק רבי אהרן מטשערנאביל זי״ע,
הרה״ק רבי משה מקוריסטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי״ע,
הרה״ק רבי מנחם נחום ממקרוב זי״ע,
הרה״ק רבי אברהם המגיד מטריסק זי״ע,
הרה״ק רבי דוד מטאלנא זי״ע,
הרה״ק רבי יצחק מסקווירא זי״ע,
הרה״ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי״ע.

איינמאל האט די טאטע אויס גערעכנט די מעלות פון זיינע הייליגע קינדער, און ביים זוהן רבי יוחנן האט ער געזאגט אז ער האט די נשמה פון התנא רבי יוחנן בן זכאי זי״ע, ווען מען האט שפעטער פארציילט פארן זון רבי יוחנן זי״ע וואס די טאטע האט געזאגט, האט ער געזאגט, די טאטע איז גערעכט, ווייל מיין נאמען איז יוחנן, און איך בין די זוהן פון מיין טאטע וואס איז אייביג ״זכאי״,

ווערט דערציילט אז מען האט איינמאל געפרעגט פון הרה״ק רבי ישראל מרוזין זי״ע, אז די אכט קינדער פון דעם מגיד פירן גרויסע רבנות און הונדערטער אידישע קינדער זענען זיך מסתופף בצלם, האט מען געפרעגט ווער עס האט געגעבן די הסכמה אויף דעם,

האט דער הייליגער רוזינער זי״ע געזאגט, דוד המלך ע״ה האט שוין געגעבן אן הסכמה אויף די קינדער מיטן פסוק (תהילים קי״א ח׳) סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם, ווייל, עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר, קען מען צו לייגען אז דיווארט ״אמת״ איז בגימטריה 9 וואס דאס איז דאך דעם חותם פון הקב״ה, און דער הייליגער מגיד מיט זיינע אכט קינדער זענען 9 צדיקים קדושים וטהורים,

איינמאל אלס קינד איז די רבי געווען אין שוהל ביים דאווענען און געמאכט א גרידער, האט זיך איינע פון די זקני חסידים פונעם טאטן אויף געשטעלט און געגעבן א פעטשל פארן קינד אויפן פנים, ווען די טאטע האט דאס געזעהן האט ער אנגעשריגען דעם איד און געזאגט, די ווייסט וועם די האסט געשלאגן, דאס איז די שורש נשמה פון דעם תנא רבי יוחנן בן זכאי.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש טהור נורא מאוד, ער איז געווען א גאון עצום בתורה, דער צדיק האט מקדיש געווען יעדע רגע פון זיין לעבן נאר פאר תורה און עבודת השם מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער איז געווען א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען א זקן ויושב בישיבה, זיין קדושה און פרישות איז געווען עד להפליא, אלע צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין קדושה און פרישות מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, דער צדיק וקדוש האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל און זיך אוועק געגעבן פאר יעדן איד מיט א מסירת נפש ממש,

ער האט יעדעס יאר געענדיגט גאנץ ש״ס און ד׳ חלקי שו״ע און געמאכט דעם סיום יעדן ערב פסח, און ווען זיין זוהן די בכור הרה״ק רבי דוד מזלאטיפולי זי״ע, איז געבוירן געווארן, האט ער מסיים געווען איין מסכת ערב פסח ספעציעל פארן פדיון התענית פארן בכור,

און אפילו ווען דער זוהן איז שוין געווען גרויס און געמאכט א סיום פאר זיך, האט דער צדיק ווייטער געמאכט א סיום זאגענדיג, אז א מנהג טוב דארף מען ווייטער ממשיך זיין, און מען פארציילט אז דער סיום ערב פסח איז געווען צו געגרייט א געהעריגע סעודה בהרחבה גדולה ווי עס פאסט פאר א סיום הש״ס, אפילו עס איז געווען ערב פסח און מען האט געברויכט ענדיגען די סעודה פארן סוף זמן אכילת חמץ.

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חנה ע"ה,
בת הרה"ק רבי פנחס מקולק זי"ע,
בן הרה"ק רבי זאב וואלף מז'יטומיר זי"ע,

נאכן הסתלקות פון זיין הייליגע טאטן המגיד מטשרנוביל זי"ע, כ' אייר בשנת תקצ"ז, האט ער קודם נישט געוואלט פירן קיין רבנות, אפאר יאר שפעטער האט ער אנגעהויבן פירן דאס רבנות אין שטאט רחמסטריווקא, אבער ער פלעגט נישט זאגן קיין דברי תורה ביים טיש.

ער איז געווען א גרויסער עניו, פארציילט מען אז די טאטע האט פאר יעדן קינד געגעבן איינע פון זיינע מידות, האט די רבי געזאגט, אז ער האט געוואלט נעמען פונעם טאטן די מידה פון "גארנישט", אבער די ברידער הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע, האט דאס באקומען, און וועגן דעם האט ער גענומען "גארנישט מיט גארנישט".

איינמאל איז די רבי געזעצען ביי זיך אין שטוב, איז דארט געווען זיין זוהן נחום אלס קליין קינד, און דער טאטע האט גענומען קוויטלעך, האט דער קינד גענומען א קוויטעל אינעם האנט, האט די טאטע געפרעגט דעם קינד די ביסט א רבי און די נעמסט קוויטלעך,

האט דער קינד געפרעגט דעם טאטן, וואס מיינט א רבי, האט די טאטע געזאגט, א רבי איז איינער וואס זיצט ביים טיש און זעהט אז נעבן אים זיצען אנשים חשובים ומכובדים, און טראכט ביי זיך, ווער בין איך דען, עס זיצען דאך חשובע און גרויסע מענטשן נעבן מיר, און ער באקומט א צובראכען הארץ און דורך דעם גייט אריין אין אים די זכות אבות, "דאס מיינט א רבי".

ער איז געווען א געוואלדיגע בעל מידות, זיין אהבת ישראל איז געווען ממש להפליא, מען פארציילט אז ביי איינע פון די שמחות ביים צדיק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע, איז געווען א גאר גרויסע עולם ביים טיש און מען האט געטיילט די זופ, און פאר א איד אונטערן רבין איז בטעות ארויס געפאלען פון זיינע הענט די זופ, און האט זיך אויסגעגאסען אויפן רבין, דער צדיק האט זיך פון דעם בכלל נישט וויסענדיג געמאכט נאר זיין איינציגסטע דאגה איז געווען, צו זאגן פאר דער וואס טיילט די זופ, אז דער איד האט נאכנישט געהאט קיין זופ.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק רבי דוד מזלאטיפולי זי"ע,
הרה"ק רבי מרדכי מרחמסטריווקא זי"ע, ממלא מקום אביו,
הרה"ק רבי מנחם נחום מרחמסטריווקא זי"ע,
הרה"ק רבי זאב מרחמסטריווקא זי"ע,
בתו, מרת שיינדל ע"ה, אשת הרה"ק רבי משה מטיטשלניק זי"ע,
בתו, מרת פייגא ע"ה, אשת הרה"ק רבי יעקב אריה לייב מטריסק זי"ע,
בתו, מרת מלכה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יצחק מבויאן זי"ע,
בתו, מרת חוה ע"ה, אשת הרה"ק רבי מרדכי משפיקוב זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ד' ניסן בשנת תרנ"ה, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט רחמסטריווקא אין אוקראינה,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

הרה"ק רבי ישראל מרדכי מרחמסטריווקא זי"ע האט פארציילט, אז איין שבת מברכים חודש מנחם אב פאר ר"ח בענטשן, האט דער צדיק רבי יוחנן מראחמסטריווקא זי"ע אויס גערופען, אז די שבת קודש בענטשט מען פין הימל די אלע וואס ווארטן געהאלפן צו ווערן מיט זש"ק, אז זיי זאלן ווערן בקרוב גערופען "אב" טאטע, האט ער פארציילט, אז יענעם שבת זענען דארט געווען 50 אברכים וואס האבן געווארט געהאלפן צו ווערן מיט זש"ק, און אלע פון זיי זענען יענעם יאר געהאלפן געווארן.

הרה"ק בעל נתיבות שלום מסלאנים זי"ע האט פארציילט, אז דער צדיק הרה"ק רבי יוחנן זי"ע ווען עס איז אנגעקומען די זמן כניסת שבת, איז זיין צורה נשתנה געווארן צו א אש להבה, און דעם גאנצן שבת איז זיין פנים געווען ווי א פייער פון קדושת שבת.

ווען דער צדיק רבי יוחנן זי"ע איז איינמאל אנגעקומען צו א גרויסע שטאט, און טויזענטער מענטשן זענען ארויס צו מקבל פנים זיין דעם גרויסן גאסט, איז דארט געווען

א מתנגד וואס האט נישט געקענט אויסהאלטן די כבוד וואס מען גיבט פאר דעם צדיק, און מיט גרויס חוצפה איז ער צו געגאנגען צום רבין און געזאגט, די רבי האלט זיך דאך פאר גארנישט, און פארוואס קומען ארויס אזויפיל מענטשן צו מקבל פנים זיין און דיר געבן אזויפיל כבוד,

האט דער צדיק געענטפערט פאר דעם מתנגד, "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך ווייס אויך נישט פארוואס אזויפיל מענטשן קומען מיך מקבל פנים זיין, אבער דאס איז זיכער באשערט מן השמים אז מען זאל דאס טון, און אויב דאס איז מן השמים זאלסטו אויך מורא האבן פון מיר ווי פון פייער".

איז געווען א איד וואס פלעגט אסאך פארן צום צדיק וקדוש רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע אויף שבתים, און די שטוב מענטשן פונעם רבין האבן אים נישט ספעציעל מכבד געווען, לימים איז דער איד נתעשר געווארן, און די שטוב מענטשן האבן אים פון דאן זייער שיין מכבד געווען,

איז דער איד אריין צום רבין און געפרעגט, אויב איז ער יא אזא חשובע מענטש, פארוואס האט מען אים נישט מכבד געווען בעפאר ער האט געהאט געלט, האט די רבי געזאגט, אז עשירות האט א מצוה מיט א סגולה, און זייט די האסט געטון די מצוה בשלמות ביסט נתעשר געווארן, און די כבוד וואס די באקומסט איז דורך דעם וואס די האסט די מצוה געטון בשלמות.

און די צייט פונעם צדיק וקדוש רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע, איז געווען א גזירה אין רוסלאנד, אז צו קענען פארן פון איין שטאט צום אנדערן האט מען געבויכט נעמען רשות פון דעם גוברנטור פון די ממשלה, דער צדיק רבי יוחנן האט דאן געוואלט פארן צו א חתונה פון איינע פון די אייניקלעך, אבער דער גוברנטור זייענדיג א גרויסע רשע האט בשום אופן נישט געוואלט געבן קיין רשות,

דאס האט זייער מצער געווען דעם צדיק וואס האט געוואלט זיין ביים חתונה, און דער צדיק האט זיך אנגערופן בזה"ל, "איך וועל טאקע נישט זיין ביים חתונה, אבער דער גוברנטור וועט אויך שוין נישט זיין בשעת די חתונה",

מעשה שהיה כך היה, עס איז געווען אייגנעפירט ביי די מיליטער צו מאכן איבונגען, און ווען מען האט געענדיגט די איבונגען איז דער גרויסער גוברנטור דורך געפארן צווישן די סאלדאטן, יענעם יאר ווען עס איז פאר געקומען דעם פארשטעלונג, איז דער גוברנטור דורך געפארן רייטענדיג אויף זיין פערד, פלוצלונג האט זיך דער פערד צולאזט און אנגעהויבן טאנצן, און דער רשע דער גוברנטור איז אראפ געפאלן אויף דער ערד, און דער פערד האט אים דער'הרג'ט אויפן פלאץ, כן יאבדו כל אויבך ד'.

כידוע איז דער רבי ארויס זייער שארף ווען איינער האט ח"ו מקפח געווען א אנדערנ'ס ביזנעס און פרנסה, איז געווען א איד וואס איז געקומען צום רבין און זיך אפגערעדט, אז זיין בעל הבית האט אים פארשיקט פונעם ארבעט און גענומען א ערל אנשטאט אים,

האט דער צדיק געלאזט רופען דעם עושר און געפרעגט היתכן ער האט אוועק גענומען די ארבעט פון דעם איד, און דער עושר האט זיך נישט געלאזט פונעם רבין, און די רבי האט געזעהן אז די ווערטער פאלן אויף טויבע אויערן, האט ער געזאגט פארן עושר, חז"ל זאגן אסור להסתכל בפני אדם רשע, און געזאגט פארן עושר ער זאל שוין ארויסגיין פון זיין שטוב,

דער עושר, ווי עס שטייט עשיר יענה עזות, האט געפרעגט פונעם רבין מיט חוצפה, עס שטייט דאך, "רבי מכבד עשירים", האט דער צדיק רבי יוחנן געזאגט פארן עושר, די פארשטייסט נישט וואס די ווערטער מיינט, ווייל מכבד מיינט ארויסקערן, ווי די גמרא זאגט, "מכבדים את הבית", און דאס מיינט די גמרא, אז רבינו הקדוש האט ארויס געווארפן די עשירים פון ביי זיך אין שטוב.

דער צדיק פלעגט האבן א מנהג יעדן פארטאג'ס ווען ער איז ארויס פון שטוב, האט ער אנגעקלאפט אונעם פענסטער פון איינע פון די אידן אין שטאט כדי אים צו אויפוועקן, ווען מען האט געפרעגט דעם רבין פארוואס ער טוט דאס,

האט ער געזאגט אז דער איד האט אים איינמאל געזאגט אז ער האט זייער ליעב א ווארעמע מקוו', און צופרי איז די מקו' נאך גאר ווארעם, אבער ער האט נישט ווער עס זאל אים וועקן יעדן צופרי, האט זיך די רבי איינגפירט א מנהג אים צו אויפוועקן יעדן צופרי, כדי דער איד זאל זיך קענען מחי' זיין מיט א ווארעמע מקו', דאס איז געווען דעם רבינ'ס גרויסע אהבת ישראל.

מען פארציילט אז איינמאל ווען די רבי איז ארויס פין מקו' צופרי, האט ער געזען א איד שטיין און כאפט אפ א בילד פונעם רבין, און כמנהג צדיקים האט די רבי זייער מקפיד געווען אז מען זאל פון אים נישט נעמען קיין בילדער, האט ער געפרעגט דעם איד פארוואס ער נעמט בילדער פין אים, האט דער איד געזאגט, אז ער דארף חתונה מאכן א טאכטער און ער האט נישט קיין געלט, און ער טראכט, אז ער וועט מאכן א בילד פונעם רבין און דאס פארקויפן, וועט ער האבן געלט צו קענען חתונה מאכן דעם טאכטער.

ווען די רבי האט דאס געהערט האט ער געזאגט, אזוי, פון מיין צורה קען מען חתונה מאכן א יידישע טאכטער, און געזאגט פארן איד ווארט א מינוט, און דער צדיק האט זיך מסדר געווען די פיאות און בארד און געזאגט כאפ דעם בילד יעצט, און דאס איז געווען דאס איינציג בילד וואס די רבי האט געלאזט נעמען פין זיך, און דאס איז געווען וועגן זיין ליבשאפט פאר א אנדערן איד וואס איז געווען געדריקט אין געלט, איז ער געווען גרייט אויפצוגעבן אויף זיין הקפדה פון נישט נעמען קיין בילדער.

דער צדיק האט אמאל געזאגט מגודל עניוות, די טעם פארוואס אידן קומען מיט קוויטלעך צו א גוטער איד, דאס איז ווייל זיי זאלן האבן א זכות צו מחזיק זיין לומדי תורה, אבער אויב דער לומד תורה טוט נישט זיין עבודה בשלימות פעילט ח"ו די געברויכען פאר די אידן, דערפאר קומט דער איד מיט א קוויטעל צו דעם צדיק, און דורך דעם ווערט דער צדיק נתעורר צו תשובה, און דורך דעם וואס דער צדיק טוט תשובה ברענגט ער אראפ ישועות און השפעות פאר די אידן.

פון די מעשה קען מען זען דאס גרויסקייט פון דעם צדיק וקדוש רבי יוחנן מראחמסטריווקא זי"ע און זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט געהאט, דער מנהג אין שטאט איז געווען, אז בעפאר די ווינטער האט מען אין רבין'ס הויף אנגעלאדענט אסאך האלץ, וואס פון דעם האט מען געהאט גענוג האלץ צו קענען הייצן דעם שטוב פארן ווינטער,

זענען געווען אידן דארט אין שטאט וואס האבן ליידער נישט געהאט קיין געלט פאר האלץ, פלעגן זיי קומען אינמיטן די נאכט, און כאפן האלץ פון דעם רבין'ס שטוב, און דער גבאי איז כסדר אריין געקומען צום צדיק און דערציילט אז אידן גנב'נען האלץ פונעם רבין, אבער דער צדיק האט כסדר געזאגט פארן גבאי, ח"ו צו זאגן אז א איד גנב'ט, און דער צדיק האט דאס כסדר אוועק געמאכט,

אין פארטאג'ס ווען דער צדיק איז ארויס צו זיין עבודת הקדוש, קומט דער גבאי צו לויפן און דערציילט, אז ממש יעצט איז א איד געקומען מיט א וואגן און פראבירט צו גנב'נען האלץ פונעם הויף, האט דער צדיק וקדוש געפרעגט דעם גבאי, וואס האסטו אים געטון, האט דער גבאי געזאגט, איך האב דעם איד געשלאגן און אוועק געטריבען פון דא,

דער צדיק האט זיך צושריגען אויפן גבאי מיט קולות, וואס האסטו געטון מיט דעם איד, באמת וואלט איך אליין געברויכט לאדענען דעם האלץ און דאס טראגן צום איד אין שטוב, וואס דער איד איז ליידער א ארימאן און ברויך האלץ צו הייצן זיין שטוב, אבער דער איד ווארט נישט אויף קיין כבוד, נאר ער קומט אליין נעמען דאס האלץ, און פאר דעם קומט זיך אים קלעפ און בושות,

דער צדיק האט געזאגט פארן גבאי, אז ער גייט נישט ווייטער צום מקו', נאר אויב דער גבאי גייט אריבער צו דעם איד און איז אים מפייס, דער גבאי האט קודם נישט געוואלט דאס טון טראכטענדיג אז דער איד האט דאך געטון א געוואלדיגע עוולה, אבער זעענדיג אז דער צדיק מיינט דאס ערענסט, איז דער גבאי אריבער און איבער געבעטן דעם איד, און פון דאן אן האט דער צדיק געהייסן יעדעס יאר ווען מען האט געברענגט דאס האלץ, זאל מען ברענגען א גאנצע וואגן מיט האלץ ספעציעל פאר דעם איד, כדי אים צו מפייס זיין, דאס איז געווען דאס גדלות פון דעם גרויסן צדיק וקדוש.

**יארצייט**
**דאנערשטאג ה' ניסן**

**הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל ב"ר שמואל זי"ע,**
**בעל אוהב ישראל, מאפטא,**

ער איז געבוירן אין שטאט ז'מיגראד, בשנת תק"ח,

צו זיין טאטן הגה"ק רבי שמואל מזימיגראד אב"ד ניישטאט זי"ע,
ער איז געווען א אייניקעל פון הגה"ק רבי שאול וואהל זי"ע,

און צו זיין מאמע מרת בת שבע ע"ה,
בת הגה"ק רבי משה פרנס זי"ע,
א אייניקעל פון הגה"ק מהר"ם לובלין זי"ע,

די מאמע פון הגה"ק רבי משה פרנס זי"ע, איז געווען די טאכטער פון הגה"ק רשכבה"ג רבי העשיל בעל חנוכת התורה מקראקא זי"ע, נאך וועם מען האט דעם רבין געגעבן דעם נאמען העשיל,

ער איז געווען א גאון אדיר וחריף עצום און א גדול בתורה ובחסידות, ער איז געווען דער שר התורה בדורו כאחד מן הראשונים, אויך איז ער געווען א בעל מקובל גדול ונורא מאוד, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע מידה פון צדקה וחסד, אויך איז דער צדיק געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, דער צדיק האט באמת ליב געהאט יעדן אידיש קינד מיט א געוואלדיגע אהבה, ווי מען קען זעהן דעם נאמען פון זיין ספר הקדוש "אוהב ישראל", שוין פון אלס קליין קינד האט מען געזעהן אויף אים אז עס וואקסט דא א צדיק וקדוש, זיין עבודת הקודש איז געווען מיט א התלהבבות און דביקות נפלאה, דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א מסירת נפש ממש,
ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ,

מען דערציילט אז איינמאל איז ביים רבין איין געשטאנען די צוויי צדיקים, הרה"ק רבי לוי יצחק בעל קדושת לוי מברדיטשוב זי"ע, און הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע, און זיי האבן דאן געברענגט דעם רבין צום הייליגען רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, און ער איז שוין פארבליבען א תלמיד מובהק פון רבי ר' אלימלך זי"ע,

זיין גרויסע רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט געזאגט אויפן תלמיד דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע בזה"ל, "תנו כבוד לר' אברהם יהושע העשיל, דיש לו אהבת ישראל כמו "אברהם אבינו ע"ה", מראהו "כיהושע בן נון", וראשו חריף גדול בתורה כזקנו הרבי ר' העשיל בעל חנוכת התורה זי"ע,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון די צדיקים בדורו ובתוכם,

הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע,
הרה"ק רבי יחיאל מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע,

אין די יונגע יארן איז ער געווען רב אין שטאט קלבסוב, און שפעטער אין שטאט אפטא, און שפעטער אין די שטאט יאס, סוף ימיו איז ער געווען רב אין שטאט מעזיבוז, און דארט איז דער צדיק נסתלק געווארן,

עס איז באקאנט, אז פאר די פטירה פון זיין רבי הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע, האט זיין רבי סומך געווען זיינע הייליגע הענט אויף זיינע תלמידים, און פאר די פיר גרויסע תלמידים האט ער איבער געגעבן זיינע כוחות,
הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע, האט באקומען זיינע הייליגע אויגן,
הרה"ק המגיד מקוזניץ זי"ע, האט באקומען זיין הייליגע הארץ,
הרה"ק רבי מענדל מרימנוב זי"ע, האט באקומען זיין כוח הנשמה שבמוחו,
הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע, האט באקומען זיין גרויסע כח פון זיין הייליגע מויל,

צדיקים בדורו האבן פון אים געהאלטן גאר שטארק און מפליא געווען זיין גדלות בתורה ועבודת השם, און זיינע גרויסע מידות הצדקה און אהבת ישראל,

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנא זי"ע, האט נאך געזאגט בשם דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, אז די פסוק פון פרשת ראה "רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה" אז די ווארט "ברכה" גייט ארויף אויף,
הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע,
הרה"ק המגיד מקאזניץ זי"ע,
הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע,

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאמארנא זי"ע, און אויך הרה"ק רבי ישראל מריזין זי"ע האבן געזאגט אויפן רבין דער

הייליגער אוהב ישראל זי״ע, אז ער האט פון די גראזן אויפן פעלד און פון די פיס טריט פון מענטשן געקענט זעהן עתידות, און ער האט מורא געהאט אז דורך די מדריגות קען ער זיך ח״ו טועה זיין, האט ער געבעטן פונעם באשעפער אז ער זאל אים צו נעמען די מדרגה.

אויך ווערט געברענגט, אז גאנץ אנפאנג ווען א איד איז אריין צום רבין דער הייליגער אוהב ישראל זי״ע מיט א קוויטל, האט די רבי אויס גערעכנט יעדע עבירה וואס דער איד האט געטון, און דעם איד מעורר געווען צו תשובה, און ווען דער איד איז ארויס איז ער געווען נייע ברי׳, אבער צוליב דעם האבן מענטשן זיך צוריק געהאלטן צו קומען צום רבין זיך מזכיר זיין.

ווען די רבי האט דאס געהערט האט ער געבעטן ביים באשעפער אז ער זאל דעם מדריגה אוועק נעמען כדי ער זאל קענען העלפן אידישע קינדער, און פון דאן און האט ער נאר געזעהן דאס גוטס ביי יעדן איד און מעורר געווען אידן מיט ליבשאפט און שמחה צו תשובה.

הרה״ק רבי ברוך׳ל ממעזיבוז זי״ע, א אייניקעל פונעם בעש״ט הק׳ זי״ע, האט מוראדיג מחשב און מכבד געווען דעם הייליגען אוהב ישראל זי״ע און געזאגט בזה״ל, ״ער האט א גאלדן געוויכטעל אין מויל, און ווייסט צו זאגן חכמות און דברים יקרים״, און דער הייליגער צדיק רבי ברוך׳ל ממעזבוז זי״ע האט אים אזוי מחבב געווען און געוויסט זיין גדלות, אז ער האט אים אויף גענומען אלס זיין ממלא מקום נאכן הסתלקות.

און ווי מען פארציילט האבן די בני קהלה נישט מסכים געווען צו אויף נעמען דעם אפטא רב אלס ממלא מקום, ווייל ער איז שוין דאן געווען א זקן, און דער הייליגער אפטא רב זי״ע האט דאס מרגיש געווען און געזאגט, אז זיי וועלן נאך זעהן אז איך וועל נאך זיין ממלא מקום די זעלבע סכום יארן ווי הרה״ק רבי ברוך׳ל זי״ע איז געווען רבי.

און כך הוה, דער הייליגער אפטא רב זי״ע איז געווען רב אין מעזיבוז פאר 12 יאר, די זעלבע סכום ווי הרה״ק רבי ברוך׳ל זי״ע.

הרה״ק רבי אהרן מבעלזא זי״ע, האט נאך געזאגט פון זיין טאטן הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע, בזה״ל, ״דער אייבערשטער האט גענומען א שטיק פייער איינגעהילט אין א פעלץ, און געמאכט דערפון א אפטער רבי!״.

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי״ע האט געזאגט בזה״ל, ״יעדער יוד איז מחויב צו פארזעצען דעם ספאדיק און קויפן א ספר אוהב ישראל״.

דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי״ע, האט געזאגט בשם דעם הייליגען אפטא רב זי״ע, אז א סגולה פאר פרנסה איז לערנען שער הבטחון מספר חובות הלבבות.

דער צדיק וקדוש רבי משה מסאווראן זי״ע האט געזאגט, אז די יארן וואס דער הייליגער אפטא רב זי״ע האט מאריך ימים געווען 10 יאר מער ווי אלע צדיקים פון זיין חבורה, איז ער אין די 10 יאר אנגעקומען צו אלע מדרגות פונעם הייליגע רבי אלימלך זי״ע.

דער אייניקעל הרה״ק רבי משולם זושא מזינקוב זי״ע האט געשריבען אונעם הקדמה פונעם ספר אוהב ישראל בזה״ל, ״יען כי הוי מרגלא בפומי רבינו אשר במדה זאת יוכל להתפארה אפי׳ לפני בי״ד של מעלה, אשר אהבת ישראל תקועה בלבו, ומפני רוב חכמתו וקדושתו היו מכנים אותו בלשון חיבה ״דער פוילישער חכם״,

הרה״ק רבי חנוך העניך מסאסוב זי״ע האט געזאגט, אז דער הייליגער אוהב ישראל זי״ע האט אזוי פיל מתפלל געווען צום באשעפער, ביז ער האט זוכה געווען אז ער האט נישט געקענט זעהן קיין שלעכטס אויף א איד,

ווי באקאנט איז דער הייליגער אפטא רב זי״ע געווען פון די זקני הרבנים בדורו, און גאר אסאך צדיקי הדור זענען געווען תלמידים פון דעם צדיק וקדוש ובתוכם,

הרה״ק רבי משה טייטלבוים בעל ישמח משה מאוהעל זי״ע,
הרה״ק רבי קלונימוס קלמן הלוי אפשטיין בעל מאור ושמש מקראקא זי״ע,
הרה״ק רבי מאיר הלוי בעל אור לשמים מאפטא זי״ע,
הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מראפשיץ זי״ע,
הרה״ק רבי אשר ישעי׳ רובין בעל אור ישע מראפשיץ זי״ע,
הרה״ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי אברהם דב בעל בת עין מאווריטש זי״ע,
הרה״ק רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ זי״ע,
הרה״ק רבי חיים מאיר יחיאל שפירא השרף ממוגלניצא זי״ע,
הרה״ק רבי שמחה בונם מפשיסחא זי״ע,

הרה"ק רבי משה צבי מסאווראן זי"ע,
הרה"ק רבי שמואל מקאמינקא זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי שלום השר שלום מבעלזא זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק מנעשכיז זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע,
הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע,
און נאך גאר אסאך צדיקים בדורו,

ער האט איבער געלאזט פאר די וועלט זיינע הייליגע ספרים,

ספר אוהב ישראל,
ספר תורת אמת, בדרך פרד"ס על תנ"ך והגדה של פסח,
ספר שפתי צדיק,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי יצחק מאיר מזינקוב זי"ע,
הרה"ק רבי יוסף משה ממזיבוז זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי דן מראדוויל זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי ישראל מליטשניץ זי"ע,
חתנו, הרה"ק רבי מרדכי אורנשטיין זי"ע,

בעפאר די הסתלקות האט די רבי געבעטען מען זאל אים ברענגען אביסל איינגימאכץ מיט אביסל וואסער און ער האט געמאכט א שהכל און געזאגט, אז דאס האט ער געטון צו ווייזן פאר די בי"ד של מעלה, אז ער האט אויף די וועלט נישט הנאה געהאט פון עולם הזה, און יעצט ווען ער פארלאזט שוין די וועלט האט ער שוין נישט מורא פון קיין עולם הזה זאכן,

אויך האט די רבי געזאגט בעפאר די פטירה, אז ווער עס וועט צינדן א ליכט אדער טון סיי וואסערע גוטע זאך לטובת נשמתו, וועל איך אים א טובה טאן, אויך האט דער הייליגער אוהב ישראל זי"ע מליץ יושר געווען אויף אידישע קינדער און געזאגט בעפאר זיין הסתלקות בזה"ל, "רבונו של עולם, אין די פינסטערע טעג אין גלות ווען א איד זאגט שמע ישראל זאל ער זיין ביי דיר ווי א צדיק גמור",

דער צדיק וקדוש האט אנגעזאגט, אז מען זאל בשום אופן נישט שרייבען קיין שבחים אויף זיין מצבה אויסער אז ער איז געווען א אוהב ישראל,

נסתלק לגנזי מרומים ה' ניסן בשנת תקפ"ה, ומנוחתו כבוד איז אונעם ביה"ח אין מעזיבוז אין אוקראינה אין איין אוהל צוזאמען מיטן בעש"ט הקדוש זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער הייליגער אפטא רב זי"ע איז איינמאל געפארן צו א שטאט, און צוויי עשירים פונעם שטאט האבן אנגעגרייט א אכסניה, האט מען געפרעגט דעם הייליגען אפטער רב צו וועלכע אכסניא ער וויל גיין, איינס איז געווען א מענטש וואס איז געווען א גאר צוגעלאזענע מענטש, אבער איז נישט געווען אזוי פרום, אבער יענער עושר האט געוויסט ביי זיך, אז ער קען זיך אויפירען מער ערליך, דער צווייטער עושר איז געווען א שיינער מכובדיגער איד וואס איז געווען ערליך, אבער האט פון זיך געהאלטן גאר אסאך,

האט דער הייליגער אפטער רב זי"ע וואס איז געווען א איש האמת געזאגט, אז ער וויל גיין צום ערשטען וואס איז נישט אזוי פרום, אבער ווייסט באמת אז ער קען זיך אויפירען מער ערליך, ווען מען האט געפרעגט דעם צדיק דעם אפטא רב זי"ע די סיבה פארוואס ער האט געמאכט דעם החלטה, האט ער געזאגט בזה"ל,

דער הייליגער באשעפער אליין קען נישט וואוינען ביי א בעל גאוה, ווי די גמרא זאגט, "אין אני והוא יכולין לדור", און אויב דער הייליגער באשעפער קען דארט נישט וואוינען קען איך זיכער נישט דארט גיין, אבער דער צווייטער ווייסט ווי ער האלט אין אידישקייט און אז ער דארף זיך פארבעסערן, און אויף דעם זאגט דאך די פסוק, "הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם", קומט אויס אויב דער באשעפער קען דארט רוהען קען איך אויך דארט זיין.

אין ספר אוצר ישראל ווערט געברענגט, אז ווען דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, איז אמאל געווען אין אפטא אויף די יארצייט פון זיין טאטע וועלכער ליגט אין אפטא, איז דער גאנצע שטאט געקומען צו לויפן צום גאסט מיט קוויטלעך און בקשות,

ווען דער הייליגער אפטא רב זי"ע איז געקומען באזוכען דעם גאסט דער קאשניצער מגיד וועלכער איז געליגען אין בעט צוליב זיין שוואכקייט, האט זיך דער אפטער רב אנגערופען, "יעצט האט מען גארנישט אינזין נאר יעדער לויפט צום צדיק וואס איז געקומען אלס גאסט",

שפעטער זענען זיי געגאנגען דאווענען צוזאמען, נאכן דאווענען האט מען געפראוועט א סעודה לכבוד'ן גאסט, אינמיטן די סעודה האט זיך דער מגיד מקאזניץ אנגערופען צום אפטא רב זי"ע, "דאכט זיך מיר אז איך האב היינט געזעהן אדם הראשון אין בית המדרש ווי ער רעדט צו אייך".

דערויף האט דער הייליגער אפטא רב זי"ע געענטפערט, ווען איך האב אנגעטוהן טלית ותפילין און איר זענט נאכנישט געווען אין ביהמ"ד, איז מיר איינגעפאלען א געדאנק ווי אזוי צו פאר ענטפערן אדם הראשון, דעריבער איז ער געקומען אפגעבן א יישר כח.

דער הייליגער אפטער רב זי"ע האט געזאגט, אז ווען א איד זאגט די ווערטער אשר גאלנו וגאל את אבותינו פסח ביינאכט, און ער גלייבט אין דעם באמונה שלימה, קען ער שוין אויסגעלייזט ווערן פון אלע זיינע פריוואטע גלות'ן, סיי גאולת הנפש און סיי גאולת הגוף, ווייל פסח ביינאכט איז דער זמן הגאולה.

דער הייליגער אפטער רב זי"ע איז אמאל געפארען פרייטאג אויפן וועג, און ער האט געדארפט אדורך פארן א וואלד, און אינמיטן וואלד איז זיין וואגן אריין געפארן אין א בלאטע און מען האט עס בשום אופן נישט געקענט ארויס שלעפען, ווען דער אפטער רב זי"ע האט געזעהן אז עס ווערט שוין באלד שבת, האט ער זיך אנגערופען און אזוי געזאגט,

רבוש"ע איך ווייס גאנץ גוט אז די שיקסט מיר די צרות ווייל דו ווילסט אז איך זאל תשובה טוהן, אבער יעצט בין איך דא אין וואלד און איך בין פארזארגט ווייל עס איז שוין באלד שבת, ממילא האב איך נישט קיין קאפ תשובה צו טוהן, אין זאג אבער צו אז ווען איך וועל אהיים קומען בשלום, וועל איך תשובה טוהן מיטן גאנצן הארץ, דאס איז געווען די גרויסע עניוות פינעם הייליגען אפטא רב זי"ע, אז ער האט באמת געהאלטן אז ער איז א בעל עבירה און ברויך תשובה טון, אפילו באמת האט דער צדיק געדינט דעם באשעפער מיט א מסירת נפש און אלעם וואס ער האט געטון איז געווען בלתי לד' לבדו.

בטחון,

אין די צייט פון הייליגען אפטער רב זי"ע האבן מענטשן גערעדט, אז עס איז דא א קרעטשמער וואס זיצט א גאנצע טאג אין קרעטשמע, און פארקויפט וויין און ברוינפן פאר די שיכורים, און איז אויך א "בעל מופת", אלעס וואס ער וואונטשט אן ווערט מקוים, מענטשן האבן אנגעהויבן צו קומען צו אים פאר ברכות.

ווען דער אפטער רב האט עס געהערט, האט ער זייער מורא געהאט אויב אפשר זענען די כוחות פין דעם קרעטשמע פון די טומאה וכדומה ד' ירחם, דערפאר איז ער אראפ געפארן צו יענעם דארף, כדי צו זעהן וויאזוי דער בעל הקרעטשמע פירט זיך אויף, דער הייליגער אפטער רב זי"ע איז ביי אים איין געשטאנען צוויי טעג, און האט נישט געזען ביי אים קיין שום באזונדערס, ער איז נישט קיין "למדן", ער דאוונט ווי א פשוטער איד, און פארקויפט ברוינפן.

אבער ער האט דאך נישט געזען ביי אים קיין סימנים פוו די סטרא אחרא, האט אים דער הייליגער אפטער רב אריין גערופען אין א באזונדערע שטוב, און אים געזאגט, זאלסט וויסן אז איך בין דער אפטער רב, איך בין געקומען זעהן אין וואס פאר א זכות דו האסט זוכה געווען אז דיינע ברכות ווערן מקוים, אויב דו וועסט מיר זאגן איז גוט, און אז נישט וועסטו חרטה האבן.

האט דער איד געענטפערט, דער רבי זאל וויסן אז פון שטענדיג אן האב איך געהאט "בטחון" אין השי"ת, און איך האב מיך נישט געזארגט אויף קיין שום זאך, איין מאל האב איך פארלוירן מיין גאנץ פארמעגן, און איך בין געבליבן אן א פרוטה, עד כדי כך אז איך האב נישט געקענט מער פארקויפן קיין ברוינפן, האט מיין ווייב מיך געמוטשעט איך זאל גיין זוכען א שותף וואס קען איינלייגן דאס געלט, און אז דער באשעפער וועט העלפן, וועט דאס געשעפט בליען, און עס וועט זיין גענוג פאר צוויי שותפים,

איך האב איר אבער כסדר אפ געשטיפט, ביז איין טאג האט זי ביטערליך געוויינט אן א אויפהער, אז עס קען אזוי ווייטער נישט גיין, די קינדער ליידן הונגער, שוין עטליכע טעג וואס זיי האבן נישט געגעסן, איך מוז נאך היינט טרעפן א שותף, האב איך איר געפאלגט, און איך בין ארויס אויסער די שטאט און געזאגט, "רבונו של עולם, איך וויל נישט האבן א מענטש פאר א שותף, איך וועל דיך באשעפער נעמען פאר א שותף, איך זאג דיר צו, אז וויפיל איך וועל פארדינען וועל איך דיר געבן העלפט",

איך בין אהיים געקומען און געזאגט פאר מיין ווייב, אז איך האב געטראפן א רייכען שותף, און איך האב צוריק

אנגעהויבן צו ארבעטען און עס איז אריין געקומען אן אויסער געוועינטליכע ברכה, און איך האב זייער שיין פארדינט, און זייט דעמאלט האלט איך טאקע ווארט!, יעדע וואך צוטייל איך דאס געלט פונקטליך העלפט אויף העלפט, מיין העלפט נעם איך פאר מיר, און מיין שותף'ס העלפט גיב איך פאר "צדקה",

די קרעטשמע איז א שותפות מיטן באשעפער, דערפאר שטיי איך אליין אינעם געשעפט פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און איך לייג ערליך אוועק דאס געלט, כדי מיר זאלן זיך פונקטליך צוטיילן, לעצטענס האבן מענטשן אנגעהויבן צו בעטן ביי מיר ברכות, איך וואונטש זיי אן און עס ווערט מקיים,

ווען דער הייליגער אפטער רב זי"ע האט דאס געהערט, האט ער אים געגעבן א קוש אויפן שטערן, און געזאגט, "וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק, אזעלכע אידן זאלן זיך מערן אויף דער וועלט", עס קומט דיר טאקע אז דיינע ברכות זאלן מקוים ווערן ווייל די הלכה איז, אז וואס איין שותף האט געטוהן, קען דער צווייטער שותף שוין נישט צוריקציען, און טאקע דערפאר, וואס דו וואונטשט אן מוז דיין שותף [השי"ת] מקיים זיין.

צום הייליגען אפטער רב זי"ע איז אמאל געקומען א איד וואס האט געליטן פון "מרה שחורה" רח"ל, און געבעטן אז דער רבי זאל אים געבן א רפואה דערפאר, האט דער הייליגער אפטער רב זי"ע אים געהייסן, ער זאל אריין קוקן אין די חנוכה לעכט, ער האט טאקע אזוי געטאן, ער האט זיך גוט איינגעקוקט אין די ליכט ביז ער איז מיד געווארן און איז איין געשלאפן, אינדערפרי איז ער אויפגעשטאנען לוסטיג לעבעדיג, געזונט און שטארק.

דער הייליגער אפטער רב זי"ע האט דערציילט, איינמאל איז דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע, איין געשטאנען ביי מיר און איך האב אים באשטימט א באזונדערען צומער, איינמאל האב איך געזעהן ווי ער מאכט זיך א חשבון צו ער איז ראוי לעולם הבא און ער האט זיך אויסגעשמועסט, "נפשי נפשי, דו ביזט נישט ראוי צו קיין עולם הבא, און ער האט דערביי אויס גערעכנט יעדע עבירה וואס ער האט געטראפען אויף זיך",

נאכדעם האט ער זיך געטרייסט און געזאגט אויף זיך, אפילו דו ביסט נישט ראוי, אבער הקב"ה מיט זיין גרויס גענאדע וועט דיר צוטיילן א טייל אויף יענער וועלט, אונזערע רבי"ס האבן דאך געזאגט "הקב"ה קיים כל התורה וכו' ניחם אבלים, ועשה שושבינות, וגומלי צדקה", אויף יענער וועלט וואו ס'איז נישט דא קיין עסן און קיין טרונקען וואס פאר א צדקה איז דען שייך, נאר דער אויבערשטער וועט טוהן צדקה מיט די וועלכע זענען נישט ראוי לעולם הבא, און זיי געבן עולם הבא בתורת צדקה!,

דער הייליגער אפטא רב זי"ע פלעגט וואונטשען ביי די נייע יאר פון די אומות העולם, בזה"ל, "דער אייבערשטער זאל העלפן אז פון יעצט און ווייטער זאלן אידישע קינדער האבן א גוט יאר", ווייל אויב ח"ו עס איז געווען א קטרוג ביי ראש השנה, זאל דער הייליגער באשעפער קוקען ווי אזוי די גוים פירען זיך אויף ביי זייער הגאות, און דערפאר זאל ער ברענגען א גוט יאר פאר זיינע אידישע קינדער,

און ער פלעגט זאגן אויף די ווערטער "ולא יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר", אז די אידישע קינדער זאלן האבן זכותים און נישט דארפן צוקומען אז מען זאל אויף זיי דארפן קוקען אז זיי זענען בעסער ווי עם אחר די גוים להבדיל.

ווי עס ווערט געברענגט בשם צדיקים הקודמים, אויף די ווערטער וואס מען זאגט אין יוצר ביי מוסף פרשת החודש, "הַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת", אז די חודש ניסן איז א סגולה אויף ישועות פאר אידישע קינדער, ווייל עס איז דאך ארום גענומען מיטן חודש "אדר" וואס איז ר"ת א'ני ד' ר'ופאך, און חודש "אייר" וואס איז אויך ר"ת א'ני ד' ר'ופאך, און דערפאר איז חודש ניסן א סגולה פאר ישועות, האט געזאגט דער הייליגער אפטער רב זי"ע, אז די ווארט "מַקִּיפוֹת" איז א לשון פון בארגן, אז השי"ת טוט אונז אויס בארגן ישועות.

דער הייליגער אפטער רב זי"ע האט איין טאג פארציילט פאר זיינע תלמידים וואס עס האט זיך היינט אפגעטון אויף יענע וועלט, א איד איז געקומען צום בית דין של מעלה און מען האט געברענגט זיינע מצות ומעשים טובים און אויך די עבירות, און מען האט אויך געברענגט די יסורים וואס דער איד האט מיטגעמאכט אויף די וועלט, און די וואגשהאל האט טאקע איבער געוואויגען לכף זכות,

איז אבער געקומען א מקטרוג און געזאגט, אז דער איד האט טאקע געהאט יסורים, אבער ער האט די יסורים קיינמאל נישט מקבל געווען באהבה, און דערפאר קומט

זיך אים נישט קיין שכר אויף די יסורים וואס ער האט געהאט, און ליידער האט מען טאקע גע'פסק'נט אויפן איד לכף חובה,

האט דער הייליגער אפטער רב זי"ע אויס געפירט, א איד דארף אייביג געדענקען מקבל צו זיין די יסורים באהבה און זאגן די פסוק "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי", און דורך דעם ווערט עס גערעכנט צווישען די מצות וואס א איד האט געטון אויף די וועלט.

ווען דער הייליגער אפטא רב דער אוהב ישראל זי"ע איז געווען רב אין קאלבאסאוו, איז ביי איהם פאר געקומען א דין תורה, די דיינים האבן רח"ל געהאט גענומען שוחד, און דעריבער האבן זיי זיך אן גענומען פאר איין "זייט", אבער דער הייליגער אפטער רב זי"ע האט זיך שטארק געגענגעשטעלט און זיי אויפגעוויזן אז דער אנדערע זייט איז גערעכט,

די דיינים האבן געגעבן אן עצה פאר די מענטש וואס האט זיי משחד געווען, אז ער זאל אויך משחד זיין דעם רב, אבער ווי אזוי מאכט מען עס, אזא גרויסע צדיק ווי דער הייליגער אפטא רב וועט זיך דען לאזן, האבן זיי אויס געטראפן א גוטע פלאן, אז ער זאל אריינלייגן א גרויסע סכום מיט געלט אין איינע פון זיינע מלבושים, און דער בעל דין האט טאקע אזוי געטוען און קיינער האט דערפון נישט געוואוסט,

דעם אנדערן טאג ווען מ'האט ווייטער פארצויגן דעם דין תורה, האט דער אפטער רב געפילט אז ער ציהט אויך צו פסקענען ווי די דיינים, און ער וויל שוין נישט זאגן די טענות קעגן די דיינים ווי נעכטן, האט ער באלד געזאגט, אז ער וויל א אנדערע'ס מאל פארציהען דעם דין תורה,

און דער אפטער רב האט זיך יענע נאכט נישט געקענט לייגן אין א בעט, נאר יאמערליך געוויינט מיט בכיות און יללות, אז די באשעפער זאל אים דערלייכטן זיינע אויגן צו זעהן דעם אמת ביים דין,

אזוי ווי עס זענען דורך געציילטע טעג, האט ער איינמאל אריין געלייגט זיין האנט און עפעס א מלבוש, האט ער געטראפן אן אוצר פון געלט, און ער האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, פון ווי קומט די געלט, ביז ער האט צוזאמען געשטעלט, מסתמא איז דאס די שוחד געלט וואס יענער האט געוואלט טוישן מיין דעת תורה, האט ער דאס געטוען אן מיין וויסען, און דאס איז געווען די

סוד פארוואס עס האט מיך געצויגן צו פסקענען נישט ריכטיג ווי איך האב געהאלטן א טאג פריער,

פארשטייט זיך אז ער האט די געלט באלד צוריק געקערט צום בעל דין, און האט אויס געפירט די דין תורה אזוי ווי ביים ערשטן מאל, און זיך נישט אוועק גערירט דערפון, און דעמאלטס האט דער הייליגער אפטער רב זי"ע אריין געטייטשט דעם פסוק, כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים "וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם", אז אפילו מ'איז ווייטער א צדיק, מ'האט נישט געזעהן קיין געלט פאר די אויגן, און מ'האט נישט געוואוסט דערפון, מיט דעם אלעם האט אויך אזא שוחד, א כח זיך אוועק בייגן פון די ריכטיגקייט פונעם דין.

דער ערשטער סאדיגורער רבי הרה"ק רבי אברהם יעקב זי"ע, האט יעדע יאר אין דעם נאכט פון בדיקת חמץ דערציילט די מעשה,

אין א דארף נעבן קולבסוב האט א איד געדינגען א קרעטשמע פונעם דארטיגן פריץ, האט אים אבער די הצלחה נישט געשיינט אזוי אז פון די קליינע פארדינסטן האט ער נישט געקענט באצאלן פאר דעם פריץ דעם סכום פארן קרעטשמע, דער פריץ האט נישט געשוויגן, פון צייט צו צייט האט ער געשיקט דערמאנען דעם איד ווענן זיין חוב, וואס אמאל איז זיין פאדערונג געווארן שטרענגער, ביז ווען ער האט שוין געדראעט מיט א שווערע שטראף, אבער דער איד האט גע'טענה'ט "אין לי", איך האב נישט,

געווען איז דאן "שבת הגדול", דער פריץ, וועמענס צארן אויפ'ן איד האט געפלאקערט, האט אריבער געשיקט צוויי קאזאקן צום אידי'ס הויז, אז זיי זאלן אים אביסל "אנלערנען" ווי מען פירט זיך מיט א פריץ, די צוויי שיכור'ע קאזאקן מיט זייער גרויסע שנאת ישראל זענען ווילדערהייט אריין אינעם שטוב פון דעם איד, ארויס גענומען דעם טשאלענט פון אויוון און אויסגעגאסן אויף דעם גאנצן הויז, און איבער געקערט דעם שבת טיש מיט די חלות, אויס געגאסן די ווייך און צובראכן און צושטאכן אלס וואס עס האט זיך נאר געלאזט,

דער איד מיט זיין הויזגעזינד זענען געשטאנען בלייך און פארציטערט אין דער זייט, צוקוקנדיג צום חורבן וואס די קאזאקן מאכן, און זיי האבן זייער מורא געהאט פון די ווילדע קאזאקן עפעס זיך אנצורופן, ס'זאל זיי נישט איינפאלן טאן נאך ערגערס, און ערשט ווען די קאזאקן

זענען אוועק פון שטוב האט זיך דער איד ארויסגעשארט פון זיין באהעלטעניש.

האט ער האט אבער געטראכט ביי זיך, שבת איז דאך הייליג, עס איז דאך עפעס א פרייליכער טאג, א תמימות'דיגער איד איז ער געווען, האט ער מיט אלע כוחות זיך געשטארקט נישט צו זיין פארביטערט, און נישט פארשוועכן דעם הייליגן טאג מיט טרויער, שטילערהייט איז זיך דער אומגליקליכער איד ארויס פון זיין שטוב, און אוועק אין שול הערן די דרשה פון דעם רב, אזוי ווי דער אידישער מנהג איז צו דרש'ענען אין שול אום שבת הגדול.

אריין קומענדיג אין שול האט ער דערזען ווי דער גאנצער שול איז געפאקט מיט מענטשן, און דער גאנצער עולם שטייט און הערט דעם רב'ס דרשה, וואס איז געווען דער הייליגער אוהב ישראל דער הייליגער אפטא רב זי"ע, און ער דערהערט ווי דער רב זאגט, מיר אידן זאגן צוויי ברכות פון "גאולה", איינע איז "גאל ישראל", וואס מיר זאגן נאך קריאת-שמע וואס דער טייטש איז, אז הקב"ה האט אויסגעלייזט די אידן, און די צווייטע פלאץ שטייט געשריבן "גואל ישראל" אין די שמונה עשרה מיט א לשון, הווה, וואס דאס מיינט אז דער אויבערשטער לייזט אויס כסדר די אידן.

און דאן זאגט דער הייליגער אפטא רב זי"ע ווייטער און צופייערט זיך, למשל עס זיצט זיך א איד אין א דארף א ביטערער ארעמאן, וועלכער פארמאגט קוים אויף ברויט און האט אפילו נישט צו באצאלן זיין חוב פאר דעם פריץ, און דער פריץ ווערט אויף אים בייז און אינמיטן שבת קודש שיקט ער צו אים צוויי קאזאקן וועלכע מאכן א חורבן ביי אים אין הויז, מיינט איר אז די זאך איז פשוט, ניין! אט פאר דעם איד וועט יעצט אויפשיינען אן אויסלייזונג, אויף אים איז געזאגט געווארן "גואל ישראל", דער באשעפער לייזט אויס צו יעדער צייט דעם איד.

דער אומגליקליכער קרעטשמער הערנדיג די טרייסט ווערטער פונעם רב, האט מער נישט געדארפט, פילנדיג אז מיט די ווערטער מיינט טאקע דער רב אים אליין, האט ער באקומען א נייע חיות הערנדיג די רייד, פול מיט בטחון אין השי"ת, מיט א פריילעך הארץ האט ער זיך אומגעקערט צו זיין הויז, ווען אויפ'ן גאנצן וועג הערט ער נישט אויף צו שעפטשען, "דער רבי האט געזאגט גואל ישראל! דער רבי האט געזאגט גואל ישראל".

נו, האט זיך דער פריץ געווענדעט צו זיינע קאזאקן, גייט אריבער צום איד און קוקט וואס ער טוט יעצט נאך דעם "פאגראם", די קאזאקן זענען געגאנגען אויספירן זייער שליחות, ווען זיי זענען אנגעקומען צום איד'ס שטוב, האבן זיי אים דערזען ווי ער טאנצט און זינגט: "דער רבי זאגט גואל ישראל", זיי זענען צוריק צום פריץ און געזאגט, דער איד איז לא עלינו משוגע געווארן פון די גרויסע צרות, צווישן די איבער געקערטע טישן און בענק טאנצט ער און זינגט מיט גרויס פרייד.

עפעס האט דעם פריץ א ריר געטאן אין הארץ, און זאגט פאר די קאזאקן, ברענגט אים צו מיר, און מוצאי שבת האבן צוויי קאזאקן געברענגט צו פירן דעם קרעטשמער צום פריץ, מושקה! האט זיך דער פריץ צו אים געווענדעט, פארוואס צאלסטו מיר נישט מיין חוב, איך האב דאך נישט האט דער איד געענטפערט מיט א קרעכץ.

ווייסטו וואס האט דער פריץ גוטמוטיג א זאג געטאן, איך וועל דיר געבן א שריפט וואס דערמיט וועסטו קענען באקומען א גרויסן פאס מיט ספירט, און ווען דו וועסט דאס פארקויפן פאר די פויער'ן פון די דערפער, וועסטו קענען געבן פרנסה פאר דיין משפחה, און אויך באצאלן מיין חוב.

מיט א פריילעך הארץ האט דער קרעטשמער גענומען דעם שריפט און זיך דערמיט איינגעהאנדלט א פעסל ספירט, דער אויבערשטער האט געשיקט זיין ברכה, ער האט אסאך געלט פארדינט דערביי, אפגעצאלט א היבש ביסל חובות, און געקענט אויך קויפן פאר זיין משפחה הוצאות אויף פסח, און ערב פסח האט ער איינגעוויקלט עטלעכע רענדלעך אין א פאטשיילע, אריין געטראגן צום "אוהב ישראל" און א זאג געטאן, רבי, דאס זענען "גואל ישראל" רענדלעך.

אמאל איז געקומען צום הייליגן אפטער רב זי"ע א שניידער, און ער האט זיך באקלאגט אז ער האט זעהר שווער פרנסה, האט אים דער אפטער רב געבענטשט, אז השי"ת זאל אים העלפן אז ער זאל האבן פרנסה בריווח ובניקל.

נאך א קורצע צייט האט זיך באזעצט אין דעם שניידערס געגנט א שר וואס האט געדארפט פיל מלבושים, דער שר פלעגט באשטעלן זיינע מלבושים ביים אידישן שניידער, און ממילא האט דער איד שוין געהאט פרנסה בריווח.

דער שניידער איז געקומען מיט א שמחה און האט דערציילט פאר׳ן אפטער רב אז זיין ברכה איז מקיים געווארן, און ער האט טאקע שיין פרנסה, אבער ער האט פיל צער וואס דער שר איז א ״משומד״, א איד וואס האט זיך ל״ע גע׳שמד׳ט, און פירט זיך נישט ווי אן ערליכער איד, האט אים דער הייליגער אפטער רב געזאגט, אז ער זאל ווייטער ממשיך זיין די ארבעט ביים שר, אבער טאמער וועט דער שר ביי אים באשטעלן א מלבוש פון ״שעטנז״, וואס א איד טאר נישט אנטוען, זאל ער נישט אויפנייען פאר׳ן ״משומד״ דעם מלבוש.

איין טאג האט דער שר טאקע געברענגט פאר דעם שניידער א מלבוש פון שעטנז, און אים געבעטן עס צו נייען, דער איד האט עס קאטגאריש אפ געווארפן, און אים געזאגט, אז דער אפטער רב האט אים באפוילן אז ער זאל נישט נייען פאר דעם שר קיין מלבושים פון ״שעטנז״, איז דער משומד דער שר געגאנגען צום הייליגן אפטער רב, און אים געפרעגט, ״איך בין דאך ממילא א משומד, פארוואס גייט אן דעם רב אז איך גיי אנגעטוען מיט שעטנז״,

ענטפערט אים דער אפטער רב, ״זאלסט וויסן, אז די גמרא זאגט (סנהדרין מ״ד), ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, דאס מיינט אז אפילו דו האסט דיך גע׳שמד׳ט, אבער ביי השי״ת ביסטו נאך אלץ גערעכנט אלס א איד, השי״ת האט פון דיר נישט פארגעסן, כאטש דו האסט דיך געמאכט פארגעסן פון אים, ממילא טארסטו נישט גיין קיין ״שעטנז״, און דערפאר האב איך באפוילן דעם שניידער ער זאל דיך נישט שטרויכלן מיט אן איסור שעטנז״,

ווען דער שר דער משומד האט געהערט די הארציגע ווערטער פונעם הייליגען אפטער רב זי״ע, וואס זענען געזאגט געווארן בקדושה ובטהרה, אז השי״תווארט נאך אויף זיין תשובה און האט זיך נישט אפגעריסן פון אים, האט ער ביי זיך אפגעמאכט אז ער וועט תשובה טוען, ער האט געבעטן דעם אפטער רב א ״תיקון״, און ער איז געווארן אן אמת׳דיגער בעל תשובה, דאס איז געווען דעם גרויסן כח און די געוואלדיגע אהבת ישראל פונעם הייליגען אפטא רב זי״ע.

ווי באוויסט האט דער הייליגער אפטא רב זי״ע געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל עד אין לשער, און אויך האט ער זיין גאנצן לעבן פאר ארבעט מעשים צו ברענגען די גאולה שלימה, בעפאר זיין פטירה האט דער הייליגער אפטא רב זי״ע געזאגט, דער הייליגער קדושת לוי מברדיטשוב זי״ע האט צו געזאגט בעפאר זיין פטירה, אז ער וועט נישט ריען בעולם העליון ביז ער וועט פועל׳ן די גאולה שלימה פאר אידישע קינדער, אבער מען האט אים פארנערט און אריין געלייגט אין גאר א הויכע היכל, און אזוי האט ער פארגעסן פון זיין צוזאג, אבער דער אפטא רב האט געזאגט, אז ער וועט נישט ריען ביז ער וועט אויספויעלען די גאולה,

זיין מחותן הרה״ק רבי יצחק מראדוויל זי״ע האט נאך א שטיק צייט פונעם פטירה פון זיין מחותן דער הייליגער אפטא רב זי״ע זיך צוקרעכצט און געזאגט, ״מען האט אים שוין אויך אריין געכאפט אין גן עדן״, מיינענדיג צו זאגן, אז דעם מחותן האט מען שוין אויך אריין גע׳נער׳ט אין גן עדן אן דעם וואס ער זאל פויעלען די גאולה שלימה, און רבי יצחק מראדוויל זי״ע האט דערציילט ווי אזוי דאס איז געשען,

ווען דער מחותן איז ארויף געקומען האט מען אים געפירט צום גן עדן, אבער דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער גייט נישט אריין אין גן עדן, ביז ער פועל׳ט נישט די גאולה שלימה, אזוי שטייענדיג ביים טיר זענען אלע צדיקים פון גן עדן קעגן געגאנגען דעם הייליגען אפטא רב מיט א ספר תורה אין די האנט, און אזוי גייענדיג האט מען זיך געמאכט ווי דער ספר תורה פאלט אראפ, אזוי ווי דער אפטא רב האט געזען אז די ספר תורה גייט אראפ פאלן, איז ער שנעל געלאפן כאפן דעם ספר תורה, דאן האט מען פארמאכט דעם טיר פון אונטער אים, און אזוי האט מען אים אריין געכאפט אין גן עדן.

דער הייליגער אפטער רב זי״ע, האט געהאט אסאך צו געלייגטע חימרות אונעם יו״ט פסח, און אויף די עלטערע יארן איז אים געווען גאר שווער צו האלטן אלע חימרות, און ער האט מורא געהאט אז מיט די שוועריקייטן קען עס ברענגען צו כעס, האט ער זיך דאן מתיר נדר געווען אויף די צוגעלייגטע חימרות.

הרה״ק מסלאנים זי״ע האט פארציילט א מעשה און געזאגט אז עס איז א מצוה דאס צו דערציילען, א איד א גרויסע חסיד פונעם הייליגען אפטא רב זי״ע, האט געהאט קינדער וואס זענען געבענטשט געווארן מיט גאר שיינע שטימע׳ס, און ווען ער פלעגט קומען צום הייליגען אפטער רב זי״ע, פלעגט דער הייליגער אפטא רב זי״ע מכבד זיין די קינדער צו זינגען, און די רבי האט זייער הנאה געהאט פון זיי,

איינמאל איז דער איד געקומען צום אפטער רב, און דער רבי האט זיך פון אים און די קינדער בכלל נישט וויסענדיג געמאכט, דער איד האט געהאט א געוואלדיגע חלישת הדעת, איז ער אריין צום רבין און געפרעגט וואס גייט פאר,

האט דער הייליגער אפטא רב זי"ע געפרעגט דעם איד, ווי ביסטו לעצטנס געווען, האט דער איד פארציילט, אז ער האט געברויכט גיין צום פריץ פאר עפעס א ענין, און די קינדער זענען געווען מיט אים, און ווען ער איז געווען ביים פריץ זענען די קינדער געווען אין שטוב פונעם פריץ, און דארט זענען געווען גוי'ישע ביכלעך, און די קינדער האבן דאס געקוקט, האט דער הייליגער אפטער רב געזאגט, איך האב די קינדער נישט געקענט קוקען אין פנים,

דער הייליגער אפטא רב זי"ע האט א שטיק צייט געוואוינט אין שטאט יאס וואס דאס איז געווען אין רומעניע, און ער האט זיך דארט אסאך אפגעליטען פון די תושבי העיר, ווען ער איז אוועק פונעם שטאט האט ער געוואלט זאגן אויף די שטאט שווערע ווערטער, אבער ער האט זיך בארעכנט און געזאגט, אז ער זעהט אז בעפאר משיח וועט קומען וועט זיין שווערע צייטן, און די שטאט וועט זיין א עיר המקלט פאר אידן, און דערפאר האט ער די שטאט נישט געשאלטען,

יארן שפעטער ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט מען אין גאנץ אירופה געליטן פון די דייטשן ימ"ש, אבער דארט אין שטאט יאס וואס איז געווען אין רומעניע, זענען די רשעים נישט אנגעקומען, און רוב אידן וואס זענען דארט אנגעקומען זענען געראטעוועט געווארן, און אידן דארט אין שטאט האבן געוויסט פון דעם ברכה פונעם אפטא רב זי"ע, און אויף דעם האט מען זיך טאקע דאן פארלאזט.

צום הייליגען אפטא רב זי"ע איז געקומען א איד וואס האט ליידער נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און ער איז געקומען פאר א ברכה און די ישועה איז נישט געקומען, האט די ווייב געזאגט פארן מאן, אז זי וויל גיין צום רבין,

ווען זיי זענען אריין געקומען צום רבין האט די רבי געזאגט, איך האב שוין געגעבן א ברכה און פארוואס גלייבט עטץ נישט אז די ישועה וועט קומען, עס שטייט דאך אין פסוק ויאמינו בד' ובמשה עבדו און מען דארף האבן אמונה,

האט די פרוי געזאגט פארן רבין, עס שטייט טאקע ויאמינו בד' ובמשה עבדו, אבער בעפאר דעם שטייט ויושע ד', וואס מיינט אז מען האט שוין געזעהן ווי די ישועה קומט, און דערנאך שטייט ויאמינו בד' ובמשה עבדו, האט דער הייליגער אפטא רב זי"ע געזאגט, עס שטייט און משנה אבות ביים בית המקדש, "ולא הפילה אשה מריח בשר הקודש" און איך בין געווען איינמאל א כהן גדול, און טאקע צום יאר זענען זיין געהאלפן געווארן מיט א קינד.

**יארצייט**

**פרייטאג ו' ניסן**

**הרה"ק רבי אהרן ב"ר שמואל יעקב זי"ע, (ראטה), בעל שומרי אמונים, מירושלים,**

ער איז געבוירן אין שטאט אונגווער, בשנת תרנ"ד,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי שמואל יעקב זי"ע, וואס די רבי האט מעיד געווען, אז די טאטע איז געווען א גאר ערליכע איד וואס פלעגט שוין אויפשטיין לעבודת הבורא יעדן טאג ביי חצות און עוסק געווען בתורה, און איבערן טאג עוסק געווען במעשה ומתן באמונה,

און זיין מאמע הצדקת מרת יענטא ע"ה,

ווי עס ווערט פאציילט האט ער דעם נאמען אהרן באקומען אפאר יאר פאר ער איז געבוירען, ומעשה שהיה כך היה,

אפאר יאר פאר ער איז געבוירן, איז א איד פון רוסלאנד וואס זיין נאמען איז געווען אהרן געקומען צום שטאט ווי די עלטערן פונעם רבין האבן געוואוינט, און די מאמע האט זיך מוסר נפש געווען אריין צו נעמען דעם גאסט ביי זיי אין שטוב, און א שטיק צייט שפעטער איז מען געוואויר געווארן, אז דער איד איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו, ווען דער איד איז נפטר געווארן האט די מאמע אפגעמאכט, אז די קומענדיגע זוהן וועט זי א נאמען געבן נאך דעם צדיק,

ווען דאס קינד איז געווען א יאר אלט, איז דאס קינד רח"ל קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן אויפן קינד, באנאכט חלומ'ט זיך די מאמע, אז דער גאסט איז געקומען אין חלום און זאגט, זיי נישט באזארגט, דיין קינד וועט אי"ה זיין געזונט, און ער האט געגעבן פארן מאמע א קריגל מיט א זאלב, און געזאגט דאס האב איך געברענגט פון גן עדן, און די מאמע האט בחלומה אנגעשמירט דעם קינד מיטן זאלב,

ווען די מאמע האט זיך דערוועקט האט זי געזעהן, אז דאס קינד איז שוין אסאך בעסער און נאך אפאר שעה איז דאס קינד אינגאנצן געזונט געווארן.

נאך זייענדיג גאר יונג האט מען שוין געזעהן אויף אים זיין קדושה און גדלות, ער האט שוין דאן געדינט דעם באשעפער מיט א יגיעה עצומה,

אלט זייענדיג 5 יאר האט ער איינמאל געזאגט תהלים אין שטוב מיט א זיס קול און א געוואלדיגע התלהבות, איז אריינגעקומען איינע פון די שכנות און דאס געזעהן און געזאגט פאר די מאמע, טראכט נישט אז עס וואקסט ביי דיר א קינד א צדיק, ווייל דאס איז די דרך פון אלע קינדער צו דאווענען, אבער שפעטער ווען זיי וואקסן אויף ווערן זיי אפגעקילט,

ווען דאס קינד האט דאס געהערט האט ער זיך געשטעלט אין א ווינקעל און מעומקא דליבא אויסגעגאסן זיין הארץ צום רבוש"ע און געבעטן, אז ביי אים זאל בלייבן דאס התלהבות און זיין הארץ זיין גאנץ לעבן,

ביי די 9 יאר איז ער געפארן אויף א שבת זיך מסתופף זיין בצלו פון הרה"ק רבי יהוסף מקאסאן זי"ע און ער האט דארט געזעהן אז הודו וואס מען זאגט שבת פאר ברוך שאמר זאגט מען פסוק ביי פסוק בקול רם, עס האט זייער מוצא חן געווען ביי אים, און ווען ער איז געווארן רבי האט ער זיך אזוי געפירט ביי זיין קהלה.

ווען ער האט בר מצוה געהאט איז ער אריין לערנען אין די ישיבה ראדוואוואנקא ביים ראש ישיבה הגה"צ רבי פנחס אדלער זי"ע, אין גלייך האט דער ר"י געזעהן אז דא וואקסט א גדול, זיין ראש ישיבה דער גאון רבי פנחס האט דעם תלמיד גאר שטארק מחבב און מכבד געווען,

ביי שמונה עשרה ווען דער ראש ישיבה האט שוין געהאט גענדיגט דאווענען, האט ער געהייסן ווארטן אויף דעם בחור אהרן, און עס איז געווען א פלא ביי די בחורים,

אבער דער ר"י האט שוין דאן געזעהן אז דער בחור האט א הויעכע נשמה, ווייל ער האט געזעהן אז נאך יעדע שמ"ע האט פון דעם בחור גערינען שוויס פון די עבודה וואס ער האט אראפ געלייגט,

אויך זיין גאנצע הנהגה איבערן טאג איז שוין דאן געווען מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, און די ראש ישיבה האט מעיד געווען אויפן תלמיד רבי אהרן, אז ער וועט נאך וואקסען א גדול בישראל וואס וועט מקדש שם שמים זיין און אנצינדען לבבות ישראל לאביהם שבשמים,

אויך האט ער געלערנט אין ווייצען ביים גאון וצדיק הגה"ק רבי ישעי' זילבערשטיין בעל מעשה למלך זי"ע.

שפעטער איז די רבי נתקרב געווארן צו זיין רבו מובהק הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא בעל צבי לצדיק מבלאזוב זי"ע, וואס האט אים ליב געהאט אהבת נפש, און זיך איינמאל אויסגעדריקט אויפן תלמיד רבי אהרן בזה"ל, "דער בחור פרעגט מיך שאלות עמוק עמוק בעבודת השם, וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געהערט בעפאר".

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת סימא ע"ה,
בת הגה"ק רבי יצחק הכהן כ"ץ אב"ד ארץ ישראל שטיבל בבודאפעסט זי"ע.

נאך די חתונה האט די רבי געוואוינט אין פעסט פאר א שטיק צייט, און ער האט פארציילט אז ער האט געדארפט גיין א שעה יעדן טאג ביז די מקו' און א שעה צוריק, און דער צדיק האט זיך אמאל אויס געדריקט, "די פעסטער גאסן האבן מיך מער מטהר געווען ווי די מקו' אליינ'ס", ווייל ער האט געברויכט האבן שמירת עיניים אויף די גאסן דארט, און ער האט איינמאל געזאגט פארן איידעם הרה"ק בעל דברי אמונה זי"ע, "מעולם לא נכשל בראיה אסורה אפילו בשוגג".

ער האט שוין יונגערהייט עוסק געווען צו מפרסם זיין דעם בורא עולם אין די וועלט, און שוין דאן האבן זיך הונדערטער אידן מדבק געווען אין דעם צדיק און געשעפט תורה און קדושה פון דעם צדיק.

דער רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף זיך, אז די נשמה פון א איד קומט אראפ אויף די וועלט מיט איין תכלית, צו מפרסם זיין דעם באשעפער'ס נאמען אויף די וועלט, און מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, און דער שטן האט דאס נישט געקענט אויסהאלטן, האט ער גע'פועל'ט אין הימל, אז ער זאל זיין א חלש זיין גאנץ לעבן און נישט קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש.

די רבי איז טאקע זיין גאנץ לעבן געווען א חלש און דערפאר נישט געקענט ארויסגעבן זיין הייליגען ספר טהרת הקודש בחייו, איינמאל איז ער אזוי שטארק קראנק געווארן, אז די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן אים צו קענען העלפן, און די רבי האט דאן געזאגט, אז דער שטן פארלייגט זיך אז ער זאל נישט קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש.

אבער דאן האט ער געזאגט בזה"ל, "א כפרה דעם גאנצן גוף פאר איין דרך אין עבודת השם", ער האט דאן גענומען אלע מעדעצינען און ארויס געווארפן, און זיך מחזק געווען און אמונה אינעם בורא עולם, און ער איז טאקע געזונט געווארן.

זיין אמונה בשם איז געווען גאר גרויס, ער האט פון דעם אייביג גערעדט און אריינגעשיינט אין אידן די אמונה פשוטה אינעם גרויסן באשעפער, איינמאל האט ער פארלוירען זיינע גלעזער און געהייסן דעם גבאי ער זאל דאס זיכן, אבער ווען דער גבאי איז צוריק געקומען האט ער געזעהן אז די רבי האט שוין די גלעזער, האט דער גבאי געפרעגט, ווי האט די רבי געטראפן די גלעזער,

האט אים די רבי געזאגט מיט א פשטות, איך האב געזאגט פארן באשעפער, די ווייסט דאך ווי די גלעזער ליגט און די קענסט דאס צוריק ברענגען פאר מיר, בעט איך דיר, איך וויל דיך דינען און איך ברויך האבן די גלעזער צו קענען טון דיין רצון, העלף מיר איך זאל עס טרעפן, און גלייך נאך די תפלה האב איך געטראפן די גלעזער אויפן טיש.

ער האט קודם געוואוינט אין שטאט סאטמאר, און שפעטער איז ער אריבער צו די שטאט בערעגסאז, און דארט האבן די חסידי מונקאטש מייסד געווען א חברת דרכי תשובה,

און הרה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע, פלעגט קומען יעדעס יאר צום סיום הש"ס פון די חבירה, דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט מוראדיג מקרב געווען דעם רבין און געשיקט זיינע חסידים זאלן גיין זיך מסתופף זיין ביי דעם צדיק.

ווען איינע פון די חסידים פון בערעגסאז פלעגן קומען קיין מונקאטש, פלעגט זיך דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע נאכפרעגן וואס מאכט דער בעל שומרי אמונים, און נאך די ימים נוראים האט ער געוואלט וויסן ווי אזוי די הייליגע טעג זענען דורך ביים שומרי אמונים.

אויך ווען דער הייליגער שומרי אמונים איז איינמאל געקומען צום מנחת אלעזר זי"ע אויף שבת, האט ער געגעבן פאר אים שישי, א זאך וואס ער האט פאר קיינעם אנדערש נישט געטון.

אויך פלעגט ער פארן צו אסאך צדיקי הדור און פון יעדן גענומען זייער דרך אין עבודת השם, שבת פרה פלעגט ער פארן בצל קדשו פון הרה"ק בעל אהבת ישראל מויזניץ זי"ע.

בשנת תרצ״ב איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און דארט האט ער אנגעהויבן צו בויען זיין הייליגע חבורה, און זקני ירושלים וואס האבן געזעהן זיין גדלות און תורת הנגלה והנסתר זענען זיך געקומען מדבק זיין אין אים, און מען האט אים געוואלט דארט אויף נעמען אלס א רבי, אבער ער האט געזאגט אז ער וויל ענדערש האבן א ישבה מיט תלמידים וואס ער זאל קענען אין זיי ארייינלייגען תורה ועבודה.

ער האט טאקע געהאט גאר אסאך בחורים און אפילו עלטערע אידן וואס האבן זיך מדבק געווען אין אים און ער האט זיי געלערנט א דרך אין עבודת השם מיט אמונה פשוטה און התלהבות דקדושה, ער האט אסאך משפיע געווען מיט זיין עבודת התפלה וואס איז געווען מיט א אש דקדושה.

ער האט דארט אין ארץ ישראל אסאך גערעדט פון דעם ווינט וואס האט דאן געהערשט אין א״י פון די טומאת הציונות, און ער האט כסדר געזאגט, אז א ערליכע איד ברויך זיין אפגעשיידט פון זיי ווייל דאס איז קעגן די הייליגע תורה.

הרה״ק האמרי חיים מוויזניץ זי״ע האט פארציילט, אז ער געדענקט איינמאל ווען די רבי איז געקומען באזוכען דעם טאטן דעם אהבת ישראל זי״ע, און די טאטע האט געזעהן פונעם פענסטער אז די רבי קומט, איז ער אים קעגן געלאפן און מקבל פנים געווען מיט א געוואלדיגע שמחה.

אויך פארציילט הרה״ק רבי מרדכי מוויזניץ מאנסי זי״ע, אז ווען מען האט שבת קדוש געענדיגט דאווענען און דער עולם איז אריבער ווינטשן גוט שבת, האט די רבי אויס גערופען צום הייליגען שומרי אמונים זי״ע הויעך אויפן קול, ״גוט שבת״, כדי ער זאל זיך נישט דארפן מטריח זיין צו קומען צו אים ווינטשן גוט שבת, וואס דאס פלעגט ער נישט טון פאר קיינעם.

בשנת תש״ד אינמיטן די צווייטע וועלט מלחמה זענען שוין די נאצים געווען ביי מצרים און מען האט זייער מורא געהאט אז זיי וועלן אנקומען קיין א״י, זענען דאן דריי צדיקים ארויס געגאנגען צום הר הזיתים צום קבר פונעם אור החיים הקדוש זי״ע, צו איינרייסען פאר תושבי ארץ ישראל, און די זענען געווען די דריי צדיקים, הרה״ק רבי שלמה׳קע מזוועהיל זי״ע, הרה״ק בעל שומרי אמונים זי״ע, הרה״ק רבי ישראל מהוסיאטין זי״ע, און זיי האבן מעורר רחמים געווען אויפן מצב.

ווען מען איז צוריק געקומען האט הרה״ק מהוסיאטין זי״ע געזאגט, אז ער איז בטוח אז דער רשע וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל, ווען מען האט אים געפרעגט פון ווי ער איז אזוי מובטח, האט ער געזאגט, אז בשעת זיי האבן דארט מתפלל געווען האט ער געזעהן די שם ה–ו–י–ה לייכטען אויפן קבר פונעם אור החיים הקדוש זי״ע, און דאס איז א סימן אז מען האט אויס גע׳פועל׳ט א ישועה.

ער האט איבער געלאזט הייליגע ספרים,
ספר שומרי אמונים,
ספר טהרת הקודש,
ספר שלחן הטהור,
ספר נועם הלבבות,
אסיפת מכתבים,
תקנות והדרכות.

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע קינדער,
כ״ק מרן אדמו״ר רבי אברהם חיים ראטה זי״ע, אדמו״ר משומרי אמונים,
חתנו, כ״ק אדמו״ר רבי אברהם יצחק הכהן קאהן זי״ע, אדמו״ר מתולדות אהרן,

במשך דעם ווינטער בשנת תש״ז האט דער רבי כמה פעמים געזאגט, אז ער וויל אנהייבן א פרישע דרך אין עבודת השם וואס דאס וועט אים ברענגען נענטער צום הייליגען באשעפער, אבער ליידער האט די וועלט נישט זוכה געווען אז דער צדיק זאל נאך בלייבען אויפן עולם השפל און משפיע זיין פון זיין קדושה.

נסתלק לגנזי מרומים והחזיר נשמתו הטהורה ליוצרו ביום ו׳ ניסן בשנת תש״ז, ומנוחתו כבוד איז אויפן הר הזיתים אין ירושלים.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**שבת קודש ז' ניסן**

**הרה"ק רבי יצחק ב"ר יוסף זי"ע, המוכיח מדראהביטש,**
**"הנקרא ר' איציק'ל דראהביטשער"**

ער איז געבוירן בשנת תנ"ה,

צו זיין טאטן הצדיק רבי יוסף ספראוואדאווילער זי"ע, הנקרא איש האמת,
בן המקובל הרה"ק רבי משה מסווירזש זי"ע, הי"ד,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת יענטא לימא הנביאה ע"ה,
מען האט די מאמע גערופען הנביאה, ווייל מען האט פארציילט אז ווען זי האט אויסגערייניגט יעדן טאג די שטוב, האט זי בשעת מעשה געהערט ווי די מלאכים אין הימל זאגן קדושה,

מען האט אים א נאמען געגעבן יצחק נאכן זיידן הגה"ק רבי יצחק חיות זי"ע,

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, און א צדיק הדור אין די צייטן פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, ער האט נישט געוואלט אנעמען קיין רבנות, מען פלעגט אים רופן דער מוסר זאגער, ווייל ער פלעגט ארום פארן פון שטאט צו שטעט זאגן מוסר און מעורר זיין אידן צו תשובה, ורבים השיב מעוון, ער איז געווען באליבט ביי אלע צדיקי הדור וואס האבן גאר שטארק מעריך געווען דעם צדיק מיט זיין גדלות בתורה וקדושה עד למאוד,

ער האט חתונה געהאט מיט הצדקת מרת מרים ע"ה,
בת הגה"ק רבי מאיר פאפירש זי"ע,

צוליב וואס ער האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, האט ער געדינט אלס דער מגיד ומוכיח אין די שטאט פאליע און אויך אין די שטעט ארום, און הונדערטער אידן זענען נתקרב געווארן צום גרויסן באשעפער דורך זיינע הייליגע דיבורים,

ער איז געווען פון די לומדים וגדולים אין דעם קלויז פון די חכמי בראד, ווי עס האבן געלערנט גרויסע מקובלים און גדולים בדורו, אויך האט ער געדינט צווישן די דיינים אין ביי"ד פון דעם הייליגען נודע ביהודה זי"ע און פון הגה"ק רבי יצחק מהמבורג זי"ע,

אנפאנג איז ער געווען א מתנגד צום דרך החסידות, אבער משום מעשה שהיה איז ער געווארן מקורב צום בעש"ט הקדוש זי"ע,

און די מעשה איז געווען אזוי, ער האט געהאט א ענין אז ביינאכט תיקף ווען ער האט געזאגט, "בידך אפקיד רוחי", איז ער גלייך איינגעשלאפן, איין נאכט האט ער נישט געקענט איינשלאפן, האט ער געוויסט אז ער האט זיכער געטון עפעס א חטא און מען וויל נישט אנעמען זיין תשובה,

האט ער זיך פארטראכט אין זיינע מעשים פינעם טאג, און די איינציגסטע זאך וואס ער האט געקענט טרעפן איז געווען, אז ער איז אריבער א כת של לצים, און זיי האבן חוזק געמאכט פונעם בעש"ט הק' און ער האט נישט מוחה געווען,

איז ער גלייך געפארן קיין מעזיבוז צום בעש"ט הק' צו בעטן מחילה, ווען ער איז דארט אנגעקומען האט אים קיינער נישט געקענט און ער האט קיינמאל פאר דעם נישט געזעהן דעם בעש"ט הק', ער האט זיך געשטעלט דאווענען דארט אין ביהמ"ד פונעם בעש"ט הק' אין א ווינקעל,

ביי קריאת התורה האט אים די בעש"ט הק' אויסגערופען צו די תורה, "מורה מורינו ר' יצחק ב"ר יוסף" און אים געזאגט שלום עליכם מורי ורבי און אים געזאגט איך בין דיר מוחל בלב שלם, זעענדיג די הייליגע אויגן וואס דער בעש"ט הק' פארמאגט, האט ער זיך גלייך מכניע געווען צום בעש"ט, און פון דאן איז ער געבליבן א תלמיד מובהק פונעם בעש"ט הק' זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיין הייליגע זוהן הרה"ק רבי מיכל המגיד מזלוטשוב זי"ע, וואס צדיקים האבן געזאגט, אז יעדן טאג איז מען מכבד דעם רבין אין הימל צו זאגן דברי תורה, ווייל ער האט א זוהן ר' מיכל'ע מזלוטשוב זי"ע, און רבי מיכל'ע איז מען מכבד צו אגן דברי תורה ווייל ער האט א טאטע ווי רבי איציק'ל זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים ז' ניסן בשנת תק"ד, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט יאמפאלי,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

דאס דחקות ביים צדיק רבי יצחק מדרוהוביטש זי״ע איז געווען מוראדיג גרויס, עס איז ממש נישט געווען גארנישט אין שטוב, אבער דער צדיק איז געזעצען א גאנצע טאג און עוסק געווען בתורה ועבודת השם.

איין ערב שבת איז דאס דחקות געווען אין שטוב ממש אומדערטרעגליך, און עס איז נישט געווען גארנישט זיך צו גרייטען צום שבת קודש, האט א ערל אנגעקלאפט אונעם שטוב און זאגט פאר די רעבעצין, אז ער האט א עוף צו פארקויפען, האט די רעבעצין געזאגט אז זי האט נישט קיין געלט צו באצאלען, האט דער גוי געזאגט אז ער גיט דאס אויף בארג און ווען מען וועט האבן וועט מען באצאלען.

און די רעבעצין האט דאס גענומען, נאך אפאר מינוט קלאפט דער ערל און זאגט אז ער האט א זאק מעהל און גיט דאס אויך אויף בארג, און נאך אפאר מינוט איז ער נאכאמאל געקומען און אנגעטראגן פיש און נאך אפאר מאל ביז די רעבעצין האט געהאט אלעם וואס זי האט געברויכט פאר שבת.

דער רבי מיכל איז נאך דאן געווען א קליין קינד, און ווען ער האט דאס געזעהן האט ער געפרעגט די מאמע, פארוואס נעמסטו די אלע זאכן פונעם ערל, דער ערל איז זיכער א גנב, האט די מאמע געזאגט, עס איז דאך א מציל מזוטו של ים הרי אלו שלו, און די מאמע האט אפגעקאכט דאס גאנצע שבת.

ווען די טאטע איז אהיים געקומען פרייטאג צו נאכט האט ער נישט געפרעגט די רעבעצין פון ווי זי האט געהאט די אלע זאכן פאר שבת, נאר גלייך געמאכט קידוש און געמאכט די סעודה, ווען די רעבעצין האט געזאגט פאר איר מאן, ניטאמאל פרעגסטו מיך פון וואו ס'קומט די אלע מאכלים, די האסט דאך איבער געלאזט דעם שטוב בעירום ובחוסר כל.

זאגט דער צדיק רבי יצחק, איך ברויך נישט פרעגן, ווייל אליהו הנביא איז געקומען צו מיר אין ביהמ״ד און זיך אפגערעדט, אז מיין זון מיכל האט געזאגט אז ער איז א גנב, ווייל דער ערל איז געווען אליהו הנביא זל״ט, און דער קליינער מיכל האט שוין דאן זייענדיג א קליין קינד זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא זל״ט.

מען פארציילט אז די טאכטער פון הגה״ק רבי מאיר מקונסטנטין זי״ע, בן הגה״ק רבי יעקב עמדין זי״ע, איז געווען א גאר גרויסע צדיקת, און די מאן איז געווען א גאר גרויסע עושר און ביי זיי איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, איין ערב שבת איז די צדקת ארויס קויפן פיש לכבוד שבת קודש, און דער געשעפטס מאן האט געוויזען גאר א גרויסע שיינע פיש, האט די צדקת דאס געקויפט לכבוד שבת קודש.

ווען עס איז שוין געליגען ביי איר האט זי געזעהן אז דאס פיש לעבט נאך, זי האט זיך זייער געפרייט און געדאנקט דעם גרויסן באשעפער פארן פיש און געבעטן, רבוש״ע געב מיר אויך א אורח הגון צו זיין אונזער גאסט פאר שבת קודש און זאל קענען נהנה זיין פון דעם פיש.

נאך חצות פרייטאג איז אנגעקומען דער צדיק רבי יצחק מדרוהוביטש זי״ע, צום שטוב פון די רעבעצין, קיינער האט אים נישט געקענט דארט און די רבי האט זיי נישט געזאגט ווער ער איז, אבער די מאן האט גלייך געזעהן אז דער גאסט איז א אדם גדול.

נאך שלש סעודות איז דער רבי יצחק אריין ביי זיך אין שטוב און געמאכט א שאלת שלום און געפרעגט בעולם העליון, וואס איז די סיבה פארוואס מען האט מיך געשיקט צו דעם שטאט און וואס דארף מען דא מתקן זיין.

האט מען אים געזאגט פון הימל, אז מען האט אים דא נישט געשיקט צו מתקן זיין גארנישט, נאר די פרוי איז א גאר גרויסע צדקת און שטאמט פון א גאר גרויסע חשובע משפחה, און זי האט מתפלל געווען פאר א אורח הגון, און אין דעם דור איז נישט דא א אורח הגון גרעסער ווי דיר, און דערפאר האט מען דיך געשיקט דא פאר שבת צו דערפילען די תפלה פון דעם צדקת.

נאך מלווה מלכה האט זיך דער גאסט געזעגענט פון זיין גאסט געבער, און געבעטן פון די מאן אז מען זאל נישט נאכאמאל מתפלל זיין פאר א גאסט הגון, ווייל איך בין געקומען פון א גאר ווייטע מרחק נאר וועגן די תפלה פון די צדקת, אבער פון דעם קען מען זעהן די גדלות און חשיבות פין דעם צדיק, אז אויף די וועלט איז נישט געווען א צדיק וואס איז געווען א אורח הגון אזוי ווי דעם צדיק.

דער צדיק רבי איציק'ל דראהביטשער זי״ע פלעגט זיך פירן צו פאסטן גאר אסאך, אמאל משבת לשבת און אמאל פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און ער האט פארמאגט א גאר הייליגען רינגעל, וואס אויף דעם איז געווען אריינגעקריצט די שם ה-ו-י-ה, און ווען ער האט

דעם רינגל אנגעטוען האט ער געקענט עסן אן א שיעור, פארשטייט זיך אז דאס איז געווען העכערע ענינים,

איינמאל איז די טאכטער פון א גביר מפורסם אין שטאט אוסטראה מיטן נאמען ר' יוזפא ע"ה זייער קראנק געווארן, דער גביר האט געהאט א חבורה פון 10 תלמידי חכמים וואס ער האט אויס געהאלטן, אז זיי זאלן קענען עוסק זיין בתורה אן קיין דאגה וועגן פרנסה,

איז דער גביר געקומען אין ביהמ"ד און געגעבן א הוספה פאר די תלמידי חכמים מער ווי אייביג, און זייער געבעטן אז זיי זאלן אלע פאסטן און זאגן תהלים און בעטן רחמים אז די טאכטער זאל געזונט ווערן, צווישן די תלמידי חכמים איז אויך געווען הרה"ק רבי יצחק מדרוהוביטש זי"ע, ווען ער האט באקומען דאס געלט איז ער גלייך אהיים, און געבעטן זיין רעבעצין זאל מיט די געלט גיין איינקויפן און צו גרייטען א סעודה פונקט ווי שבת קודש,

נאך אפאר טאג איז די טאכטער פון דעם גביר טאקע געזונט געווארן און דער גביר האט געמאכט א גרויסע סעודת הודאה, און בשעת די סעודה האבן די אנדערע תלמידי חכמים פונעם חבורה געהאט א טענה אויפן רבין ר' איציקל מדרוהוביטש זי"ע, פארוואס ער האט נישט געפאסט ווי אלע אנדערע נאר געגעסן א גרויסע סעודה,

דער גביר וואס האט געוויסט אז די רבי איז א אדם גדול, האט געפרעגט דעם רבין פארוואס טאקע ער האט נישט געפאסט ווי ער האט געבעטן, האט די רבי געזאגט, אויב איך וואלט געפאסט פונקט ווי אלע פון די חבורה, וואלט דאס נישט געמאכט קיין רושם אויבן אין הימל, ווייל אויבן אין הימל איז מען שוין געוואוינט אז איך פאסט אסאך,

אבער ווען איך האב געמאכט א גרויסע סעודה ווי שבת, אינמיטן די וואכן טאג, איז געווארן א רעש אויבן אין הימל און מען האט געפרעגט, ווי קומט דאס רחבת ביי רבי יצחק, און דאן האט מען אין הימל געזאגט, אז דער טאכטער פונעם גביר איז קראנק און ער האט געגעבן צדקה פאר רבי יצחק, און די זכות פון דעם האט געברענגט די רפואה פארן טאכטער.

ווערט דערציילט, אז אין די צייטן פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע איז געווען א בית הכנסת אין שטאט בראד, ווי עס זענען געזעצן גדולים און צדיקי הדור, און מען האט דארט געלערנט ממש 24 שעה א טאג, מען האט זיך דארט איינגעטיילט מיט משמורות אז מען זאל ממש יעדע רגע פונעם טאג און נאכט דארט לערנען,

און דער בעש"ט הקדוש זי"ע מיט זיינע הייליגע אויגן האט דאס געזען, און געזאגט אז די שכינה הקדושה ריעט אין דעם בית הכנסת, און דערפאר האט דער בעש"ט יעדעס יאר געשיקט א שיינעם סכום געלט צו אויס האלטן די אידן פון דעם בית הכנסת,

לימים זענען ליידער געקומען א גרופע רשעים עזי פנים, און האבן פארשטערט דעם מקום קדוש און פארטריבן די אידן וואס האבן דארט עוסק געווען בתורה יומם ולילה, האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע דאן געזאגט, אז די שכינה הקדושה וויינט און איז מקונן אויף די ביטל תורה פון דעם מקום קדוש, אז מען האט איר ליידער פארטריבן פון דעם פלאץ,

אבער תיכף ומיד האט דער בעש"ט געזאגט, אז עס איז ארויס א כרוז פון הימל וואס האט געזאגט בזה"ל, "אל תדעג ח"ו כי יש לי בן יחיד בעולם העשיה הזה, הנקרא בפי כל ר' איציקל דראהביטשער, שם תשרה כל ימי חייו",

דער הייליגער צדיק וקדוש רבי איציקל דראהביטשער זי"ע האט געזאגט, אז ווען ער גרייט זיך צו פארן צו א שטאט צו גיין מוסר זאגן און מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה טון, קומט דער יצר הרע און זאגט מיר, פארוואס פארסטו אזא לאנגע וועג און בוסט דיך אזוי מטריח צו גיין מוסר זאגן פאר אידן, די קענסט דאך בלייבן ביי דיר אינדערהיים און עוסק זיין בתורה מיט א התמדה רבה, ווייל דער יצר הרע האלט נישט אויס ווען מען איז מקרב נאך אידן צום באשעפער,

דערפאר זאג איך פארן יצר הרע, אז איך פאר ארום ווייל מען באצאלט מיר א שיינעם סכום פאר מיינע דרשות, ווען דער יצר הרע הערט אז אין מיינע דרשות ליגט א פניה פון מאכן געלט, איז ער שוין מסכים אז איך זאל פארן, אבער פארשטייט זיך אז איך נעם נישט קיין געלט פאר די דרשות וואס איך טו נאר לשם שמים, אבער דעם יצר הרע ברויך מען אייביג איבער קלוגען, ווייל יעדע גוטע זאך וואס א איד טוט, אויב זעט דער יצר הרע אז עס איז נישט דא קיין שום פניה, שטערט אים דאס, ווייל א מצוה לשמה איז גירא בעיניה דסטנא,

עס ווערט דערציילט אין פילע ספרים, אז ווען דער צדיק ומוכיח הגדול רבי איציק'ל דראהביטשער זי"ע איז אמאל געפארן קיין מעזיבוז, און ער האט דארט געהערט דאס גרויסקייט פון די "קמיעות" פונעם בעל שם טוב הק' זי"ע, האט ער געמיינט אז דער כח פון די קמיעות זענען דורך פארשידענע צירופים און השבעות פון שמות הקדושים, האט זיך רבי איציק'ל אויסגעדריקט מיט דעם לשון המשנה (אבות פ"ד, מה), "ודאשתמש בתגא חלף", אז עס דארף אוועקגענומען ווערן דער כח פון די קמיעות, און אזוי איז טאקע געווען, אז פון דעמאלט אן האבן די קמיעות פון בעש"ט פארלוירן זייער כח, און זיי האבן גארנישט געהאלפן,

דער בעש"ט הקדוש זי"ע האט חוקר ודורש געווען, פארוואס זיינע קמיעות ארבעטן נישט, ביז עס איז אים באקאנט געווארן, אז וויבאלד דער צדיק רבי איציקל זי"ע האט ארויס געזאגט אזעלכע דיבורים אז עס זאל בטל ווערן דער כח פון די קמיעות, האט מען פון הימל אים געפאלגט, און וויבאלד דער בעש"ט הקדוש האט געוואלט צוריק באקומען זיין גרויסן הייליגן כח צו העלפן אידן, האט דער בעש"ט מחליט געווען אז ער וועט אים ממשיך זיין צו זיך אין די שטאט, און דארט וועט ער אים איבערציינגן אז ער זאל מבטל זיין זיינע פריערדיגע דיבורים, און מסכים זיין אז די קמיעות זאלן ווייטער העלפן,

האט זיך געמאכט אז רבי איציק'ל איז ארומגעפארן אין די שטעטליך כדי מעורר צו זיין אידן לעבודת השי"ת, דורך די וואך האט זיך רבי איציק'ל טועה געווען "דורך דעם כח און תפלה פון בעש"ט", און געטראכט אז עס איז נאך א טאג פריער, "ווען עס איז געווען דינסטאג האט ער געמיינט אז עס איז נאך מאנטאג א.א.וו.", און ער איז אנגעקומען קיין מעזיבוז דאנערשטאג לויט זיין חשבון, אבער עס איז שוין געווען באמת פרייטאג, און געטראכט אז אויף שבת וועט ער פארן צו א דערנעבנדיגן שטאט, ער האט זיך אביסל אפגערוהט און געטראכט, אז ער האט דאך נאך מער פון א מעת לעת צום שבת קודש,

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין דרימל, האט ער געזען אז אין זיין אכסניא ליגט דאס ווייסע טישטוך אויפ'ן טיש, און די לעכט זענען גרייט צום צינדן, און די חלות פון שבת ליגן שוין אויפ'ן טיש, האט רבי איציק'ל געפרעגט, וואס עפעס דארף שוין היינט "דארנערשטאג" ליגן א ווייסע טישטוך אויפ'ן טיש, האט מען אים געזאגט אז עס איז דאך "פרייטאג", און עס איז שוין באלד שבת קודש,

רבי איציק'ל זי"ע איז געווארן פארוואונדערט, "עס קען דאך נישט זיין אז היינט איז פרייטאג", אבער ער גייט ארויס אין די גאס און זעט ווי אידן לויפן מיט די ריינע וועש צו די מקוה און אנדערע קומען שוין צוריק פון די מקוה, האט ער שוין געזען אז עס איז טאקע פרייטאג, און דער צדיק רבי איציק'ל האט זיך אנגעהויבן צו גרייטן צום שבת,

אינצווישן איז אנגעקומען דער בעש"ט הק' און אים געבעטן ער זאל זיין ביי אים אלס אורח אויף שבת קודש, און דער בעש"ט האט געזאגט פאר רבי איציק'ל, אז ער האט געבעטן אז דער בעל אכסניא זאל נישט ברוגז זיין אז רבי איציק'ל גייט אוועק פון אים, און רבי איציק'ל האט מסכים געווען,

מוצאי שבת קודש ביי די סעודת מלוה מלכה, האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע געפרעגט רבי איציק'ל, "פארוואס האט איר מבטל געווען דעם כח פון מיינע קמיעות וואס איך גיב צו העלפן מענטשן", האט אים רבי איציק'ל געענטפערט, "ווייל מ'טאר זיך נישט באנוצן מיט שמות הקדושים", זאגט אים דער בעש"ט הקדוש, "מיינע קמיעות ערהאלטן נישט קיין שום שמות הקדושים און קיין שום השבעות, נאר מיין נאמען אליין, ישראל בן שרה",

האט אים רבי איציק'ל געזאגט, "ווי אזוי איז דאס מעגליך אז נאר אייער נאמען קען העלפן", מ'האט געברענגט עטליכע קמיעות פון בעש"ט הק', און מ'האט זיך איבערציינגט אין די ווירקליכקייט פון די רייד פונעם בעש"ט, דעמאלט האט רבי איציק'ל זיך אנגערופן, "רבונו של עולם, ווען א מענטש האט פרנסה פון זיין נאמען, וואס ארט עס דיך, גיב אים צוריק דעם כח", און פון דעמאלט אן האבן ווידער אנגעהויבן צו ווירקן די קמיעות פונעם בעש"ט הק' זי"ע.

איינמאל האט זיך דער צדיק וקדוש רבי איציק'ל דראהביטשער זי"ע געשטעלט דאווענען אויפן וועג, איז דארט דורך א פריץ און געפרעגט עפעס פונעם צדיק רבי יצחק, אבער אזוי ווי דער צדיק האט געהאלטן אינמיטן דאווענען און ער האט נישט געענטפערט, האט די פריץ געהייסן פאר די באדינער'ס אז זיי זאלן שלאגן דעם איד פאר די חוצפה,

אבער דער צדיק האט גארנישט געשפירט בשעת'ן דאווענען פון גרויס דביקות אינעם באשעפער, אבער ווען ער האט געענדיגט דאווענען האט ער געזאגט, "עס האט מיר גערידערט ביים דאווענען", און געזאגט אז דאס איז געווען ווייל ער האט נישט בודק געווען דאס פלאַץ אויב עס איז ריין צו קענען דארט דאווענען, און דערפאר האט ער באקומען די שטראף.

הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע האט געזאגט, אויפן זון הרה"ק המגיד מזלאטשוב זי"ע, אז ער איז א דור עשירי פון בעלי רוח הקודש, און זיין טאטן הרה"ק רבי יצחק זי"ע האט מתקן געווען טויזענט גלגולים פארן אראפ ברענגען די הייליגע נשמה פון זיין זוהן המגיד מזלוטשוב זי"ע.

מען האט דערציילט בשם די צדיקים הקודמים, אז דער הייליגער מגיד מזלוטשוב זי"ע האט כמעט זיין גאנצע תורה געלערנט פון זיין גרויסן טאטן רבי איציק'ל דראהביטשער זי"ע, איין טאג אלס קינד איז געווארן א ריתחא דאורייתא צווישן דעם צדיק רבי איציקל זי"ע און זיין זון דער מגיד מזלאטשוב זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א קינד, איז דער קינד אוועק געלאפן פון שטוב, און איז אריין לערנען אינעם בראדער קלויז ווי עס זענען געזעצן און געלערנט גרויסע גדולים גאונים בתורה, און אלס ראש ישיבה איז געווען הגה"ק רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע.

פארשטייט זיך אז די לומדים דארט אינעם קלויז האבן זיך גלייך צוגעכאפט צו דעם קינד וואס איז געווען א גאון וחריף בתורה, און זענען מיט דעם קינד געשווימען אינעם ים התלמוד, די לומדים האבן זיך גאר שטארק געפרייט צו דעם קינד און אזוי איז ער געזעצן און געלערנט ביים ראש ישיבה רבי איציק'ל האמבורגער זי"ע פאר דריי טאג, אבער נאך דריי טאג איז ער צוריק אהיים געגאנגען צו זיין טאטן, די לומדים פון קלויז האבן געהאט גרויס חלישות הדעת אז דער קינד קומט מער נישט, זענען זיי אריבער צום שטוב פונעם קינד און געפרעגט פארוואס ער קומט מער נישט צו זיי אין קלויז,

האט דער הייליג קינד געזאגט פאר די לומדים, ווייסן זאלט איר, אז איך האב באמת זייער הנאה געהאט צו לערנען ביי ענק אין קלויז, אבער זייט איך האב אנגעהויבן רעדן און לערנען די א"ב ביז היינט, האב איך נישט געלערנט קיין תורה פון קיינעם אויסער מיין גרויסן טאטן,

און אייביג ווען איך האב געלערנט ביי מיין טאטן, האב איך געזען ווי די אותיות פון די תורה וואס זענען ארויס געקומען פון מיין טאטן'ס מויל, זענען געווען ממש ווי א פייער א אש דקדושה, אבער ביים גאון וקדוש רבי איציק'ל האמבורגער האב איך דאס נישט געזען, און דערפאר האב איך מחליט געווען זיך צו איבער בעטן מיטן טאטן אפילו מיר זענען נישט אויף איין דרך אין תורה, נאר כדי ווייטער זוכה זיין צו זען דעם אש התורה פונעם טאטן.

הרה"ק רבי שלמה'קע מזוועהיל זי"ע האט דערציילט, אז זיין זיידע דער צדיק וקדוש רבי איציקל מדראהביטש זי"ע האט געהאט אן עבודת האכילה למעלה מדרך הטבע ממש, די גאנצע וואך האט דער צדיק עוסק געווען אין תעניתים וסיגופים, אבער שבת קודש האט דער צדיק געקענט עסן גאר א גרויסע סכום, די חסידים האבן דערציילט, אז ער האט געגעסן שבת קודש די טשאלענט פון א טאפ וואס אין דעם האט מען געגרייט דאס עסן פאר דעם גאנצן עולם וואס איז געקומען אויף ראש השנה,

בשעת'ן עסן איז אויפן טיש ביים זיידן געלעגן א טבלא וואס אויף דעם איז געשטאנען "שויתי ד' לנגדי תמיד", און ווי לאנג דער טבלא איז געשטאנען פארענט פון דעם זיידן, האט ער געקענט עסן אן קיין גבול, אבער אזוי ווי מען האט דעם טבלא אוועק גענומען, האט דער צדיק נישט געקענט אריין נעמען אפילו א לעפל אין מויל, ווייל דער צדיק האט געדינט דעם גרויסן באשעפער יעדע רגע פונעם טאג, און אפילו דאס עסן איז געווען נאר אן עבודת השם און נישט ח"ו מיט א תאוות אכילה,

דערציילט מען אז ווען דער זון הרה"ק רבי מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע איז געקומען דאס ערשטע מאל צום בעש"ט הקדוש זי"ע, האט אים דער בעש"ט גאר שטארק מכבד געווען און געזאגט בזה"ל, "תדעו שהאיש הזה הוא בן הרב הקדוש מהרי"צ מדראהביטש, והנני אספר לכם, אשר אביו של זה נתנו לו מן השמים נשמה קטנה, אשר אין כמעט בדור נשמה קטנה כמוה, והוא אשר הגביה אותה למעלות התנא הקדוש רשב"י",